כיוצא בו אמר א׳ מגדולי חסידי חב״ד, הרה״ח ר׳ הלל מפאריטש: מי שאין לו חוש בנגינה אין לו חוש בחסידות. נוסחא אחרת אומרת: מי שיש לו חוש בנגינה — יש לו חוש יותר טוב בחסידות.

* * *

וכך מרוקמת ושזורה היא הנגינה בחייהם של חסידי חב״ד, בשמשה כלי מבטא לשמחתם או להתמרמרותם.

וזאת, לאו דוקא ע״י נגון שלם, כי לפעמים מספיקה גם תנועה אחת או אפילו „קמט״ חסידי אחד. כי באמת רב כוחה של הנגינה החבדיי״ת, עד שאפילו רק בתנועה אחת יכול החסיד להביע כל מאווי הנפש ובטויי׳.

החסידים הראשונים כשהיו הולכים לביקור „יחידות״ אצל רבם, היו כל געגועיהם ותקוותם, נרגשים אף בתנועה אחת חרישית שהיו מנגנים בינם לבין עצמם וכשהיו יוצאים מחדר רבם, הי׳ נרגש בנגונם — שמחת נפש יתרה, מהוראותיו של רבם שקיבלו ממנו להוציאן מן הכח אל הפועל.

וכן שימש הנגון בטוי מיוחד בכל המאורעות החשובים בחייהם של חסידי חב״ד ובפרט בעניני התורה והמצוה. כי הנגון הריהו מפתח החוש והכשרון, המכניס אור בהיר וחיות נפשיית בענין שבו עוסקים, — והרי זהו העיקר בתהליכותיו של החסיד, שכל פעולותיו הרוחניות יהיו ספוגות חיות יתרה ויזרח בהן אור פנימיות הנפש.

וזהו ערכה הנעלה של החסידות החבדיי״ת, אשר בכל ענין הנכנס לתחום עבודתה, היא מייגעת למצוא ולגלות את הפנימיות והעצמיות שבהדבר. וכן פעולתה בשטח הנגינה.

בעת שתנועת החסידות הכללית הפיחה רוח חיים חדשים בעוררה את הנשמה שבגוף הנגינה הישראלית, — זכתה החסידות החבדיי״ת להדליק את הנר הפנימי החבוי בנשמה זו ולהפיק אורה לרבים בדרך הכבושה והסלולה של שיטת החב״ד.

# ליקוטי רשימות

**משיחותיו של הוד כ״ק אדמו״ר יוסף יצחק שליט״א שניאורסאָהן מליובאוויטש, אדות מהותה וחשיבותה של הנגינה החבד״ית.**

סדר ההנהגה אצל הוד כ״ק אדמו״ר שליט״א מליובאוויטש הוא, שמלבד התורות, מאמרי חב״ד, שאומר — או נותן בכתב — בשבתות ובמועדים בשעה המוגבלת לזה, הנה נוסף לזה יושב בהתועדות חסידים בזמנים קבועים, כמו בסעודות יו״ט או ביומי דפגרא — הנק׳ „פאַרברייג־געגס״, — שאז משוחח בדברי תורה וחסידות, זכרונות ימי קדם מתקופה החבדי״ת, ובעניני התעוררות לעבודה והנהגה החסידית. הדיבורים האלה נקראים בפי חסידי חב״ד בשם „שיחות״.

באמצע השיחות, בין ענין לענין, מפסיקים בניגונים, מניגוני חב״ד המסורתיים, המעוררים את הלב ומגביהים את האדם למצב נפשי נעלה. מפעם לפעם מבאר האדמו״ר ענין הנגינה בכלל ופעולתה והשפעתה בדרכי החסידות בפרט, ולפעמים יספר איזה מאורע חשוב המתיחס להניגון הפרטי שמנגנים אז. השיחות נרשמות אח״כ בכתב ע״י השומעים ה„תפסנים״, ועפ״י רוב רושמים אותן בלשון הרב כפי שאמרן — באידית.

ולזאת מצאנו לנכון ללקט את הקטעים מהשיחות שנמצאות תח״י המדברים בענין הנגינה ולהציגם פה בתור הקדמה לספרנו. הקטעים באים כאן לפי סדר השנים והזמנים שנאמרו, ולפעמים ענין אחד נכפל ונשנה כמה פעמים בהשיחות בזמנים שונים והביאנום פה כסדרם, מפני איזה חידוש דבר שנתחדש בהענין. ואלה הקטעים השייכים לניגונים הפרטיים, הצגנום ב„המפתח״ אצל הניגונים המשתייכים אליהם.

**א.** משיחת שמח״ת תרפ״ט.

**הוד כ״ק אדמו״ר האמצעי [1]) האָט געזאָגט: דער טאַטע — כ״ק רבינו הזקן [2]) — האָט געקענט אַריינ־געהן בקרבו של חסיד און אַרויסרייסען ביי איהם דאָס וואָס עס טויג ניט, — מיט זאָגען חסידות אָדער מיט אַ ניגון...**

**ב.** משיחת י״ט כסלו תרצ״א.

**...צווישען די צעהן זכותים פון כ״ק אדמו״ר הזקן, האָבען אַלטע חסידים גערעכענט, די צעהן ניי־גונים וואָס ער האָט געשאַפען, וועלכע פועל׳ן אַ התעוררות תשובה און דביקות.**

**ג.** משיחת י״ט כסלו תרצ״א.

**אויף איינע פון די אייניקלעכ׳ס [3]) חתונות, וואָס איז געווען אין דער צייט פון זיידען הוד כ״ק אדמו״ר הצ״צ [4]), האָט אויף דער חופה — סעודה, דער זיידע, דער רבי כ״ק אדמו״ר הצ״צ, געזאָגט דעם מאמר (ירושלמי שבת פ״א ה״ב): האומר שמועה בשם אומרה יהא רואה — זאָל ער זעהן, וועט ער זעהן — את בעל השמועה כאלו עומד לנגדו, דאָס איז סיי אין נאָכזאָגען אַ תורה פון בעל השמועה, אַ מעשה אָדער אַ ניגון.**

(בשיחת כ׳ כסלו תרצ״ד יש עוד הוספה זו: **אַז מען זאָגט איבער אַ דבר תורה פאַראייניגט מען זיך מיט דעם נר״ן פון דעם בעל השמועה און אַז מען זינגט אַ ניגון פון דעם בעל השמועה, פאַר־אייניגט מען זיך מיט חי׳ יחידה פון דעם בעל השמועה**).

**דער רבי דער זיידע — כ״ק אדמו״ר הזקן — האָט מסדר געווען דעם ניגון מיט די 4 פאַלען כנגד ד׳ עולמות אצילות, בריאה, יצירה, עשי׳. דערפאַר איז דער פערטער פאַל, וועלכער איז מכוון כנגד**

---

1) אדמו״ר דובער בנו של אדמו״ר הזקן, וידוע בשם: „אדמו״ר האמצעי״ או: „דער מיטעלער רבי״. (ט׳ כסלו תקל״ד — ט׳ כסלו תקפ״ח).

2) אדמו״ר שניאור זלמן בהר׳ ברוך בעל התניא והשו״ע, וידוע בשם: „אדמו״ר הזקן״ או: „רבינו הזקן״. (ח״י אלול תק״ה — כ״ד טבת תקע״ג. בארוכה ע״ד תולדות חייו וחיי נשיאי חב״ד שלאחריו ראה בס׳ „בית רבי״ ובקובץ „היום יום״ במדור שלשלת היחס).

3) נכד אדמו״ר הזקן וראה לקמן אות ח.

4) אדמו״ר מנחם מענדל בהר׳ שלום שכנא, נכד אדמו״ר הזקן — מבתו הרבנית דבורה לאה — וידוע בשם: אדמו״ר הצמח צדק, ע״ש ספריו שו״ת צמח צדק. (כ״ט אלול תקמ״ט — י״ג ניסן תרכ״ו).

עולם האצילות, האט ניט קיין סוף, און דער סוף ניגון קערט זיך צוריק אום צום ערשטען פאל, שמכוון כנגד עולם העשי'.

זקני הוד כ"ק אדמו"ר מוהר"ש[5] האט דער־ציילט להוד כ"ק אאמו"ר[6], אז ווען מען האט גע־זונגען דעם ניגון זיינען אלע געשטאנען אין א גרוי־סע התעוררות און יעדער האט זיך ארומגעקוקט, אויב דער רבי — כ"ק אדמו"ר הזקן — שטעהט לע־בען איהם.

ד. משיחת י"ב תמוז תרצ"ב.

דער אמת איז, הגם שווייגן איז א גרויסע מעלה און בפרט א קלוגער שווייגען, דאס איז אבער נאר לגבי דיבור, אבער בהנוגע צו ניגון איז ניגון העכער.

קול מעורר הכוונה. לכאורה איז דאך ניט מובן, כוונה איז דאך השגה און קול, שהו"ע התעוררות, איז דאך היפך השכל, ווארום שכל איז מנוחה והתישבות און קול, התעוררות, איז דאך דער היפך דערפון (כי ענין קול שייך למדות שבלב).

נאר דער ענין איז, אז דער פירוש פון „כוונה" איז חלון, מל' וכוין פתיחין לי' (דניאל ו, יא), מאכען א פענסטער אין קאפ און אין הארצען. ווארום מיר זעהען אז עס זיינען דא אזעלכע, וואס פארשטעהען א ענין אלקי, אבער עס קומט ניט אראפ אין הארצען, און עס זיינען דא אזעלכע, וועלכע האבען א הרגש הלב אבער צום פועל איז ניט שייך, עס בלייבט בלויז אין הארצען וכו'.

איז דער ענין פון קול מעורר הכוונה, אז דורך דעם קול הנגינה מאכט מען א פענסטער אין מוח, בכדי עס זאל אראפקומען אין לב און א פענסטער אין לב, אז עס זאל זיין לבא פליג לכל שייפין.

אמאליגע חסידים, אז זיי האבען געטאן אין א ענין, איז דורך א ניגון האבען זיי אראפגעטראגען אין פועל.

וזהו ג"כ הפי' בהמשנה, (ברכות פ"ב מ"א) אם כיון לבו יצא, דלכאו' מה שייך כוונה ללב, לב — הרגש, כוונה — השגה, אלא הפירוש בזה, אם כיון לבו, אויב ער מאכט א פענסטער אין הארצען כנ"ל, ואז יצא.

ה. שם.

כ"ק אדמו"ר הזקן הי' כל דיבוריו בניגון.

---

5) אדמו"ר שמואל בן אדמו"ר הצמח צדק. (ב' אייר תקצ"ד — י"ג תשרי תרמ"ג).

6) אדמו"ר שלום דובער בן אדמו"ר מוהר"ש, ואביו של — יבלחה"ח — אדמו"ר מליובאוויטש שליט"א. (כ' חשון תרכ"א — ב' ניסן תר"פ).

ו. מלקו"ד י"ט כסלו תרצ"ג, ע' כ"ג.

...און אז — מספר הרד"ז[7] — דער רבי, כ"ק אדמו"ר מוהר"ש, האט מסיים געווען, האט ער גע־הייסען מכריז זיין, אז אלע וועלכע קענען זינגען זאלען זינגען דעם ניגון וואס ער האט געזאגט, מען זאל זינגען אפגעצויגען, אלע גלייך און דריי מאל איבערזינגען. און בכדי אז אלע זאלען זינגען גלייך האט ער געהייסען אלי' אבעלער[8] (וויראביציק) און צדוק האמליער (ניהאמקין), אז זיי זאלען שטעהן אין דער הויך און אנפיהרען מיט די זינגער.

ז. מלקו"ד כ' כסלו תרצ"ד, פרק ד.

דער חייב אדם לומר בלשון רבו, איז ביי דעם טאטען[9] געווען ניט נאר אין א מנהג, נאר אפילו אין א תנועה פון א ניגון, ד. ה. ווי מען האט דעם ניגון געזונגען און ווען מען האט דעם ניגון געזונגען.

ח. שם.

נגינה איז איינע פון די ערנסטע זאכען בדרכי החסידים. עס זיינען אלעמען באוואוסט די צען ני־גונים, וועלכע הוד כ"ק רבינו הזקן האט מחבר געווען, ספעציעלע ניגונים פאר באזונדערע צייטען.

דער גרויסער ניגון פון די פיר פאלען[9] האט אונז דער טאטע[9] געלערענט און געגעבען צו פאר־שטעהן[10], אז די 4 פאלען זיינען כנגד די ד' עולמות אצילות, בריאה, יצירה, עשי' מלמטה למעלה.

צווישען די צען ניגונים, זיינען פאראן גאנץ קורצע ניגונים פון איין פאל, דאס זיינען תנועות, וועלכע ער פלעגט זינגען במועדים קבועים.

דעם גרויסען ניגון[9], פלעגט מען זינגען אין ליובאוויטש נאר אין זמנים קבועים ווי י"ט כסלו, אויף שמחות, ווי למשל, א ברית, בר מצוה, חתונה און אויך אין חודש אלול ביים דאווענען, (כשמתפללים ביחידות באריכות).

הרה"ח הרשב"ץ[11] האט מיר דערציילט, דאס וואס ער האט אליין געהערט פון רבי'ן, דעם צמח צדק, ביי ר' שניאור ר' נחום'ס[12] אויף די חתונה. דער צמח צדק האט דאן געזאגט:

---

7) הרה"ח ר' דוב זאב קאזעווניקאוו, רב בעיר יעקאַ־טערינאסלאוו באוקריינה, מחסידי אדמו"ר הצ"צ, ואח"כ מאדמו"ר מוהר"ש ואדמו"ר הרש"ב.

8) ראה אודותו בלקו"ד חגה"פ תש"ג אות פ"ה.

9) ניגון (א) שבספרנו.

10) בהתועדות י"ט כסלו תרס"ג.

11) הר' שמואל בצלאל, מחסידי אדמו"ר הצ"צ, אדמו"ר מוהר"ש ואדמו"ר הרש"ב, מורו הפרטי של אדמו"ר מליובאוויטש שליט"א בנערותו ואח"כ הי' משפיע בישיבת תומכי תמימים בליובאוויטש.

12) הרה"ח ר' מנחם נחום בנו של אדמו"ר האמצעי והר' שניאור הוא בנו של הר"מ נחום. החתונה הי' בשנת תר"ט או תר"י בערך.

„האומר שמועה בשם אומרה יהא רואה בעל השמועה כאלו עומד לנגדו וכו׳ (כמו שמובא לעיל אות ג׳).

און דער רבי הצ״צ האט אנגעהויבען זינגען דעם אלטען רבינ׳ס ניגון הידוע [9] מיט גרויס דבקות. די קינדער האבען מיטגעזונגען און דער גאנצער עולם האט זיך באגאסען מיט תשובה טרערען.

ט. שם.

ביי דעם זיידען — כ״ק אדמו״ר מוהר״ש — זיינען געווען געוויסע ניגונים, וועלכע ער פלעגט זינגען פאר זיך אין דאווענען, אין פסוקי דזמרה, אין ברכות קר״ש, בעת ער פלעגט לייגען תפילין דר״ת און אויך בשעת ער פלעגט אנטאן די בגדי שבת, אדער מוצאי שבת, בשעת ער פלעגט אויסטאן די בגדי שבת. בסעודות שבת זיינען געווען ניגונים, וועלכע ער פלעגט זינגען נאר בלילי שבת, און אזעלכע וועלכע ער פלעגט זינגען נאר ביום שבת.

י. שם.

איך האב געהערט פון טאטען [9] אז א ניגון, א חסידות און יחידות [12א] זיינען מחשבה דיבור ומעשה.

דער פירוש פון דעם ווארט איז: דורך דעם קיום פון יחידות, אז דער חסיד איז מקיים אלץ, איז די התקשרות זייער מיט׳ן רבין ביז דער לעצטער מדריגה פון מעשה; דורך הזר׳ן דעם רבינ׳ס חסידות, ווערט א יחוד פון דיבור און דורך א ניגון — א יחוד פון מחשבה. — ראה שם בארוכה.

יא. מלקו״ד חגה״פ תרצ״ד, חלק א׳ אות ז.

...אין איינע פון די חנוכה נעכט — דאס איז געווען בשנת תר״ן — זיינען זיך צונויפגעקומען: מורי החסיד רשב״ץ [11], החסיד ר׳ הענדיל [13], און החסידים ר׳ אהרן ור׳ יקותיאל מדאקשיץ והחסיד ר׳ זלמן, און האבען זיך צורעדט בזכרונות ימי קדם, ווען זיי זיינען נאך געווען יונגע לייט, זייענדיג ביי דעם עלטער זיידען, כ״ק אדמו״ר הצמח צדק. אינדעם האט זיך החסיד ר׳ זלמן פלוצלונג א הויב געטאן, און אנגעהויבען זינגען דעם עלטער זיידענס א ניגון מיט וועלכען ער פלעגט דאווענען מוסף ר״ה. אלע האבען זיך אויפגעשטעלט און מיטגעזונגען.

ווען עס איז געקומען צו דער — גוט באוואוסטער בא חסידים — תנועה, ווי דער עלטער זיידע הצמח צדק פלעגט זאגען די ווערטער: אשרי איש שלא ישכחך ובן אדם יתאמץ בך, זיינען זיי אלע אריין אין אזא התלהבות, אז זייערע פנים׳ער זיינען געווארען צופלאמט און איבער די באקען האבען אנגעהויבען פליסען טרערען. מען האט געזעהן, אז די מענשען לעבען איבער אין דעם מאמענט יענע ליכטיגע הייליגע מינוטען, און עס איז קיין שום ספק ספקא, אז יעדער פון זיי האט געוויס געפיהלט ווי ער שטעהט לעבען רבין [9], זעהט און הערט ווי דער רבי דאווענט.

יב. מלקו״ד בחגה״ש תרצ״ד.

י״ט כסלו תרס״ג האט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק [9] געהייסען זינגען דעם רבינ׳ס [5] ניגון הידוע [9], און האט געזאגט, אז א ניגון דארף מען לערנען און פארטיפען זיך.

יג. שם.

מתוך ספור נפלא ע״ד הרה״ק ר׳ לוי יצחק מבארדיטשוב, איך שעורר בניגונו התעוררות תשובה בלב השומעים.

...דער בארדיטשעווער רב האט געזאגט, אז מען דארף דאווענען מעריב און ער אליין איז געווען בתור ש״ק.

אידער דער בארדיטשעווער רב האט געדארפט אנהויבען זאגען והוא רחום יכפר וכו׳, האט ער זיך שטארק פארדבק׳ט און געזונגען א ניגון. אין אנפאנג מיט א טיפער עצבות ותחנונים, ווי איינער קלאגט און בעט רחמים פון טיפען הארצען, וואס האט אלעמען דערנומען, און נאכדעם מיט א גרויסע שמחה און התלהבות ביז אויסגעהן ממש. און דערנאך האט ער אנגעהויבען זאגען די ווערטער והוא רחום יכפר וכו׳ מיט דעם טייל ניגון פון טיפער עצבות און תחנונים, וועלכער האט גערירט אלעמענס הערצער. די ווערטער ה׳ הושיעה המלך יעננו ביום קראנו, האט ער שוין געזאגט מיט דעם 2־טען טייל פון ניגון, וואס איז געווען מיט גרויס שמחה און התלהבות וכו׳.

עס איז אוממעגליך צו דערציילען און קענען ארויסגעבען, וואס פאר א רושם דער ניגון האט געמאכט אויף די תלמידים.

אלע האבען געהערט און געפיהלט מער ניט ווי ע״ד דעם משל, ד. ה. דער ניגון האט זיי דערנומען ביז דעם נקודת הלב און האט זיי געבראכט אין א העכערער אומבאקאנטער וועלט פאר זיי.

אבער נאך דעם אלעם האבען זיי דאך ניט געהאט קיין שום אחיזה אין דעם הבנת הענין, מכל

12א) כשחסיד נכנס לחדר האדמו״ר לשאול עצתו בשאלה רוחנית או גשמית, קוראים זאת חסידי חב״ד בשם: יחידות.

13) הרה״ח ר׳ חנוך הענדיל קוגעל, מחסידי אדמו״ר הצ״צ, אדמו״ר מוהר״ש ואדמו״ר הרש״ב. ראה אודותו בארוכה בהתמים חוברת א׳ ע׳ ע״ט.

שכן אין דעם נמשל פון ירידת הנשמה בגוף, וואס דער באַרדיטשעווער רב האָט אויסגעמאָלט אין זיין ניגון.

אָבער די תלמידים, וואס אין יעדער תנועה האָבען זיי געוואוסט און געפיהלט דעם נמשל, האָבען זיי אין דער צייט איבערגעלעבט דעם גאַנצען ענין פון ירידת הנשמה בגוף.

דער ניגון וואס דער באַרדיטשעווער רב האָט געזונגען, איז דאָס פאַר זיי געווען אַ ספור דברים, די זעלבע זאַך ווי ער וואָלט דערציהלט.

באמת איז אַ ניגון, — פאַר דעם וועלכער פאַרשטעהט וואס ער הערט — נאָך מעהר ווי אַ סיפור דברים.

זיי, די תלמידים, האָבען געהערט וואס דער ניגון זאָגט אַרויס און דערציהלט, די גאַנצע פּאַסירונג פון ירידת הנשמה בגוף. — ראה שם בארוכה.

יד. מלקו״ד בר מצוה כ״ה שבט תרצ״ו, אות נ״ה.

...עס איז דורכגעגאַנגען אַ היפשע צייט, האָט דער רבי [2]) אָנגעהויבען זינגען זיין ניגון הידוע [9]). יעדען פאַל האָט ער איבערגעזונגען צוויי מאָל, חוץ דעם פערטען פאַל האָט דער רבי געזונגען מעהרערע מאָל.

בשעת דער רבי האָט געזונגען, איז דער גאַנצער עולם, וועלכער איז געווען אין גרויסען בית המדרש און אין דערבייאיגען בנין, געווען מקושר מיט זייערע מחשבות, כחות און חושים אין דעם רבין׳ס זינגען. יעדער פאַל וואס דער רבי האָט געזונגען האָט מעורר געווען אַן אַנדער טייל פון נפש, יעדערען לפי ערכו האָט דער ניגון אויפגעהויבען פון זיין מעמד ומצב.

ר׳ יוסף כל בו [14]) און ר׳ איסר קיסעס האָבען געזאָגט, אַז בשעת דער רבי האָט געזונגען האָבען זיי זיך דערמאָנט אַלץ וואס עס האָט זיך מיט זיי געטאָן מיום עמדם על דעתם.

טו. שם.

ביום הילולא של המגיד — הרב ר׳ דובער ממעזריטש, — י״ט כסלו ש״ק וישלח תקל״ז, נתאספו כל התלמידים אל הרמ״מ מהאָראַדאָק [15]).

צווישען תפלת קבלת שבת און תפלת ערבית איז געווען אַ הפסק משך זמן מה.

דער רבי [2]) און הרה״ק הר״ק אברהם [16]) והרה״ק הר׳ ישראל מפּאָלאָצק [17]) זיינען געווען מנגנים. הגם זיי זיינען געווען שטאַרק געטיילט מיט זייערע קולות איינער פון אַנדערען, אָבער אַז זיי האָבען געזונגען אַלע אין איינעם איז געווען אַ נעימות צו הערען.

דעם רבין׳ס קול, ווייסט מען דאָך, איז זייער אַ שטאַרקער און אַ ברייטער, וואס איז מטיל אימה.

הרה״ק הר״א [16]) האָט געהאַט אַ קול דק, אָבער זעהר אַ הילכיקער, פול מיט התרגשות, יעדער תנועה וואס ער האָט געזונגען איז באַגלייט מיט אַ שטיק פייער.

הרה״ק הר״י [17]) האָט געהאַט אַ קול נעים, ניט קיין הויכער, ניט קיין נידעריגער, ניט קיין שטאַרקער און ניט קיין שוואַכער, אַ מיטעלער תחנונים קול, וואס האָט מעורר געווען רחמנות, עס האָט געצויגען און געקלעפּט.

אין דעם הפסק וואס איז געווען צווישען קבלת שבת און תפלת ערבית, האָט דער רבי און הרה״ק הר״א והר״י געזונגען די ניגונים, וואס פלעגען זיין זעהר חביב ביי דעם מעזריטשער מגיד.

אין מעזריטש ביי דעם מגיד איז געווען אַ סדר מיוחד אויף ניגונים.

עס זיינען געווען ניגונים וואס מען האָט געזונגען באַ דעם בעש״ט.

איינער פון די, וועלכע האָבען מחדש געווען ניגונים איז געווען הרה״ק הר׳ מיכל מזלאָטשוב [18]).

און געווען ניגונים, וואס זיינען נתחבר און נתחדש געוואָרען אין דעם זמן פון דעם מעזריטשער מגיד׳ס נשיאות.

צווישען די אַלע ניגונים זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען שטאַרק חביב באַ דעם מעזריטשער מגיד.

אַ טייל פון די ניגונים, האָט דער רבי און הרה״ק הר״א והר״י געזונגען אין דער הפסקה צייט בין קבלת שבת ותפלת ערבית.

אַלע וועלכע זיינען געווען אין בית הכנסת, בשעת דער רבי און הרה״ק הר״א והר״י האָבען געזונגען, און געזעהן די דבקות פון הרה״צ הרמ״מ און די דבקות פון די זינגער האָבען געזעהן, אַז זיי זיינען זיך מתאחד מיט נשמת מורם ורבם המגיד ממעזריטש.

טז. מלקו״ד בשמע״צ ושמח״ת תרצ״ז, חלק א׳.

מורי הרשב״ץ [11]) דערציילט אין אַ סיפור ארוך, פון אַ חסידות׳ן פאַרברייינגען אין ליובאַוויטש חנוכה תר״י, וואס אין דעם פאַרברייינגען זיינען די ראשי

---

14) הגאון ר׳ יוסף כל בו מגאוני שקלאָוו וממקושרי אדמו״ר הזקן.

15) הרה״ק ר׳ מנחם מענדיל מהאָראַדאָק, בעל „פרי הארץ״, מזקני התלמידים של המגיד ממעזריטש.

16) הרה״ק ר׳ אברהם מקאַליסק מגדולי התלמידים של המגיד ממעזריטש.

17) הרה״ק ר׳ ישראל מפּאָלאָצק — מתלמידים הגדולים של המגיד ממעזריטש.

18) הרה״ק ר׳ יחיאל מיכל מזלטשוב בהרה״צ ר׳ יצחק מדרוהוביטש, תלמיד מובהק מהבעש״ט.

המדברים די חסידים מפורסמים: ר' איציק האָמ־ליער [19] און ר' פסח מאַלאַסטאָווקער [20]...

אַז ר' איציק האָט מסיים געווען, האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו ר' פסח'ן און געזאָגט:

דו געדענקסט, וואָס דער רבי [21] האָט געזאָגט ל״ג בעומר תקע״ד, נאָכדעם ווי ער האָט זייענדיק אויפן פעלד געזאָגט דעם מאמר, אתה הצבת גבולות ארץ, צו ר' אלעזר חיים זשלאָבינער: זינג דעם טאַטענ'ס [2] אַ ניגון, וועלען מיר זיין מיט דעם טאַטען אין איינעם...

אין יענער צייט — תקע״ד — איז רא״ח גע־ווען אַ זקן, אָבער ער האָט נאָך זעהר שעהן געזונגען.

החסיד ר' אלעזר חיים פלעגט אָפט מאָל דער־ציילען, אַז דער רבי [2] האָט איהם געזאָגט, אַז דורך אַ ניגון איז אתדבקות רוחא ברוחא.

און ביידע — דערציילט מורי הרשב״ץ — האָ־בען זיך געשטעלט מלוא קומתם און האָבען געזונ־גען דעם רבינ'ס ניגון. די פנימער זיינען געווען פאַרפלאַמט, די אויגען פאַרמאַכט און אַ הדרת קודש האָט זיך געהערט אין זייער געזאַנג, וואָס אויף אונז יונגעלייט האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקען רושם.

יז. ממכתבו של כ״ק אדמו״ר שליט״א, נדפס בהתמים חוברת ה', י״ט כסלו תרצ״ז, ע' נ״ח.

...במענה על שאלתך אודות הניגון של הוד כ״ק רבינו הזקן [2], בעל הארבע בבות [9], הנה הרבה סי־פורים וביאורים שמעתי בענין זה ורובם רשומים אצלי כפי סדר זמניהם, ואכתוב לך ענין אחד בזה, באשר רשימתי זו נמצאת אתי.

בליל חג החגים, י״ט כסלו תרס״ג, בעת התועררות — פאַרברייננגען — באולם הגדול דישיבת תומכי תמימים בליובאַוויטש, הואיל הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק [9] וצוקללה״ה נבג״מ זי״ע לאמר, כי התלמידים יגגנו את הניגון של הוד כ״ק רבינו הזקן הנודע ונקוב בשם: הניגון של ארבע בבות.

בעת ההיא היתה בתוככי תלמידי ישיבת תומכי תמימים קבוצה מיוחדה של מנגנים, תחת הנהלתו של אחד התלמידים ושמו נתן נטע מפאַהאַר [22].

סיבת התיסדות קבוצת מנגנים היתה אחת השיחות קדש בשמחת תורה תר״ס, אשר הואיל הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק לשוחח ברבים בענין עבודה שבלב בעבודת התפלה, אשר עבודה זו באריכות התפלה וההתבוננות כל אחד לפי יכלתו, היא חובת גברא.

תורה און תפלה — כה הי' לשונו הק' — זיינען צוויי גאָר באַזונדערע וועלטען, וואָס אל ציוה עליהם און מרועה אחד ניתנו לנו.

די צוויי וועלטען פון תורה און תפלה, איז ניט נאָר וואָס זיי זיינען געטיילט אין זמן, דזמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד, זיי זיינען אָפּגעטיילט אפילו אין זייערע ניגונים, עס איז ניט גלייך דער ניגון פון תורה צו דעם ניגון פון תפלה.

אין כאן המקום להעתיק השיחה הק' ההיא, כי אם בהנוגע לענינו בענין הנגינה, אשר ביאר גודל ענינה והמקום החשוב אשר הנגינה תופסת בדרכי החסידות.

אז הואיל הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק לבאר המאמר, קול מעורר הכוונה, והאריך להסביר פעולת הנגינה על הילוך המחשבה וטיב ההתעמקות, פעולתה בהתעוררות הלב, התעודדות הרוח, עליות הנפש ועליצותה.

בהסבר מיוחד ביאר ההבדל בין קול מעורר הכוונה, לשיר וזמרת הלוים והא דאמרו כל בעלי שיר יוצאין בשיר ונמשכין בשיר.

אחרי חג הסוכות בועידה ראשונה של תלמידי ישיבת תומכי תמימים החליטו, כי תלמידי הישיבה ישימו לב להתלמד לנגן ניגוני החסידים.

החלטה באה לפעולות וכעבור איזה שבועות הנה נשמע בכל שבת ושבת קודם אמירת המאמר, ובין מנחה למעריב אחר חזרת המאמר, קולם של התלמידים בניגונים מניגונים שונים.

כשתי שנים, הנה מזמן לזמן גדלה קבוצת המנגנים, אבל בכל זה לא הי' בזה משטר וסדר הן בידיעת הניגונים על ברור והן באופן נגינתם בהברה ברורה, עד אשר בא התלמיד נתן נטע מפאהאר בשנת תרס״ב.

התלמיד נתן נטע מפאהאר, מלבד נעימת קולו, הנה לו חוש נעלה בשיר, ובמנגינותיו יקח לבבות, והוא סידר את קבוצת המנגנים ויעמוד בראש ההנהגה.

כמה פעמים אמר הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק, כי נהנה הוא אשר נסדר קבוצת מנגנים בתוככי תלמידי תומכי תמימים, כי כך היא דרכו של הפנימי, אשר כל דבר מסודר אצלו ומה גם ענין הנגינה, אשר הוא אחד ממפתחי החוש והכשרון.

חג השבועות תרס״ב קודם אמירת המאמר הי' פעם הראשון, אשר התלמיד נתן נטע מפאהאר עמד בראש קבוצת המנגנים לנגן בסדר נפלא אשר הכין

19) הרב ר' יצחק אייזיק הלוי עפשטיין, רב בעיר האָמליע, בעהמ״ס חנה אריאל ועוד, מתלמידי אדמו״ר הזקן ואח״כ ממקושרי אדמו״ר האמצעי ואדמו״ר הצ״צ.

20) הרה״ח ר' פסח מעיר מאַלאַסטאָווקע — מהחסידים המפורסמים של אדמו״ר הזקן ואח״כ דאדמו״ר האמצעי ואדמו״ר הצ״צ.

21) אדמו״ר האמצעי.

22) ר' נתן נטע דוביגאוו מעיר פאהאר ברוסי'.

מראש, מה שהפליא את השומעים וביחוד את הרה״ח הרב ר׳ יהודה ליב האפמאן [23]), שהי׳ מנגן גדול.

ביום השני בעת הסעודה נגנו קבוצת התלמידים תחת הנהלתו של התלמיד נתן נטע מפאהאר, והוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק שבחו על זה אשר נתן עצמו לסדר נגינת הניגונים על בורים.

(המשך המכתב, ע״ד תוכנו של הניגון בן ד׳ בבות תמצא לקמן במפתח הניגונים ניגון א).

יח. משיחת יום א׳ חגה״פ תרצ״ז.

אין ליובאוויטש, האט דער ענין נגינה פארנומען א חשוב׳ן ארט.

נגינה דאס איז די שפראך פון נפש. אין דעם מאמר וידעת רנ״ז, איז מבואר דער הפרש פון מחשבה לדיבור. אותיות המחשבה זיינען גילוי לעצמו והעלם לגבי הזולת, און אותיות הדיבור זיינען העלם לגבי עצמו וגילוי אל הזולת. דאס איז אלץ מחשבה און דיבור, אבער נגינה — דאס איז אותיות הנפש וגילוי׳.

החסיד ר׳ הלל מפאריטש [24]) האט געזאגט: ווער עס האט ניט קיין חוש אין נגינה האט ניט קיין חוש אין חסידות. נאך א נוסחא איז דא: ווער עס האט א חוש אין נגינה האט ער א בעסערען חוש אין חסידות, דער הפרש פוןביידע נוסחאות איז מובן.

ליובאוויטשער ניגונים דארפען זיין די משנה פון נגינה...

יט. משיחת אחרון ש״פ תרצ״ז.

כ״ק אאמו״ר הצמח צדק הי׳ קורא את בנו הרב״ש [25]): „דער בעל הבית״, והי׳ לו קביעות ללמוד עמו קבלה.

פעם אחת למדו מה שכתוב בכתבי האריז״ל, נכון לזמר בש״ק. ואמר לו הצ״צ: אאמו״ר — כ״ק רבינו הזקן — אמר: נגינה הויבט אויף ממהות למהות. כעבור איזה זמן אמר לו שוב הצ״צ: דער זיידע האט דערציילט: ווען איך בין געקומען דעם ערשטען מאל אין מעזריטש [26]) האב איך אין אנפאנג געוואלט פארען צוריק, ווייל איך האב ניט געזעהן וואס איך קען אויפטאן דארטען, האט מיר דער אויבערשטער געשאנקען א חוש אין נגינה, און איך האב געהערט דעם רבי׳ן [26]) זינגען. דער רבי איז קיין מנגן ניט געווען, אבער עס איז געווען גוט צו הערען ווי ער זינגט.

וסיים כ״ק אאמו״ר הצ״צ: כ״ק רבינו הזקן, פעל הרבה לקרב אנשים לחסידות בחוש הנגינה שלו.

כ״ק אאמו״ר מוהר״ש מבאר זה, ומחלק שיש ג׳ ענינים בנגינה.

כ. משיחת ליל שש״פ תרח״ץ.

...שירת הים, דער ניגון, וואס מען האט געזונגען בקריעת ים סוף איז בלתי ידוע, אבער עס איז ברור הדבר, אז עס איז געווען א הארציגער, א פרייליכער ניגון.

כא. מספר השיחות, קיץ ה׳ ש״ת, שיחת ט׳ ניסן.

בא חסידים בכלל און בא די חסידישע התוועדות׳ן בפרט, פארנעמט זינגען ניט נאר א מקום מכובד, נאר טאקע א מקום חשוב, ווייל נגינה איז איינע פון די סרסורי החסידות. נגינה איז א געוויסע מיטהעלפערין צו דעם גילוי החסידות, הן אין השגה און הן אין התבוננות, אויך אין עבודה פון חסידות, פארנעמט נגינה א באדייטענדען מקום חשוב.

דער חלק טוב און דעם מקום חשוב, וואס נגינה פארנעמט אין חסידות איז א דבר מוחשי, וואס עס איז ניט נאר א ענין פון פיהלען, נאר עס איז א ענין הניכר ונראה לכל.

דער תועלת ופעולת הנגינה אין חסידות, איז אין אלע דריי חלוקות: א) השכלה והשגה, ב) התבוננות, ג) עבודה, און נאר ווען דאס זינגען איז מיט א הרגש פנימי, מיט א אינערליכען געפיהל.

כב. שם.

...אין ליובאוויטש, האט מען אפילו שבת בין מנחה למעריב געזונגען מיט א הרגש, ובפרט די ניגונים וואס מען האט געזונגען בשעת א התוועדות, און מכל שכן די ניגונים וועלכע מען האט געזונגען בשעת א התוועדות, ווען מען האט זוכה געווען צו דעם אור פני קדש הקדשים הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק [ז]), וואס דאן האט מען געזונגען מיט א הרגש פנימי.

כג. שם.

...בא א חסידישער התוועדות, מיט א טיפזיניגען חסידות מקובל׳דיקען ניגון, קען מען בעזה״י ובזכות אונזערע הייליגע רביים עפעס באגרייפען, ווי צו ווערן נעהנטער צו חסידות און עבודה שבלב, ובפרט ווי ארויסצוציען פון דער קלאפיקער הגשמה בלאטע. מיר באדארפען טאן מיט זיך. עס איז זיכער, אז השי״ת וועט אונז מצליח זיין.

כד. משיחת ליל שש״פ ת״ש (שלא בא בדפוס).

...אין ליובאוויטש איז געווען דער מנהג צו זינגען יעדען ניגון, ג׳ פעמים, ה׳ פעמים או ז׳ פעמים.

---

23) הרה״ח ר׳ יהודא ליב האפמאן — מהחסידים המפורסמים של אדמו״ר מוהר״ש ואח״כ מאדמו״ר הרש״ב.

24) הרה״ח ר׳ הלל הלוי אב״ד באברויסק, בעהמ״ח פלח הרמון ועוד, מחסידי אדמו״ר האמצעי ואח״כ מאדמו״ר הצ״צ.

25) הרה״ח ר׳ ברוך שלום בנו הבכור של אדמו״ר הצ״צ.

26) לרבו הרב המגיד ר׳ דובער ממעזריטש, תלמיד הבעש״ט.

כה. משיחות יום שש"פ ת"ש (שלא בא בדפוס).

הוד כ"ק אאמו"ר [9]) האט אמאל געהערט ווי איי־נער, א חסיד, האט געזונגען א ניגון און בשעת מעשה האט דער חסיד מרגיש געווען — רבי, און האט דורכגעלעבט זיינע יחידות וואס ער איז געווען ביי דעם רבין.

דער ענין פון א ניגון איז, אז מען זאל דערהערען דעם אור הנשמה וואס איז דא אין דעם ניגון.

כו. מספר השיחות קיץ ה' ש"ת, שיחת ליל אחש"פ, אות ט"ז—כ.

דער פעטער רז"א [27]) זינגט די ניגונים וואס דער עלטער פעטער כ"ק הרב"ש [25]) האט געזונגען אחש"פ תרכ"ה, בשעת דער עלטער זיידע — כ"ק אדמו"ר צמח צדק — האט געגעסען סעודת משיח.

דער פאטער [9]) דערציילט, וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער — כ"ק אאזמו"ר מוהר"ש: — דער בעש"ט האט געגעבען א נאמען די סעודת היום פון אחש"פ — משיח'ס סעודה.

דער פעטער רז"א דערצעהלט, ווי דער זיידע — כ"ק אדמו"ר צמח צדק — האט געזאגט: בעת דו ווערסט זינגען די משיח'ס סעודה ניגונים ווי דער זיי־דע — כ"ק אדמו"ר הזקן — האט זיי געזונגען, זאלסטו מעורר זיין דעם כח הזכרון און זאלסט זיך דערמאנען די מחזה הקדש פון זיידען [28]) און פון דעם שווער [29]).

אז דער פעטער רב"ש — דערציילט דער פעטער רז"א — האט אנגעהויבען זינגען, האט דער פאטער — כ"ק אאזמו"ר מוהר"ש — איהם צוגעהאלפען. דער זיידע [30]) האט שטיל מיטגעזונגען, מיט דער לינקער האנט האט ער אונטערגעלענט דעם קאפ, פארדעקט די אויגען, מיט דער רעכטער האנד האט דער זיידע צוגעקלאפט אויפן טיש נאך דעם טאקט פון דעם ניגון און גרויסע טראפענס טרערען האבען גערונען אי־בער די באקען.

דער פאטער [9]) זאגט: דער דובב שפתי ישינים פון א ניגון איז גבוה במדריגה ווי דער דובב שפתי ישינים אין דברי תורה, הן אין גליא שבתורה און הן אין פנימיות התורה. תורה, הן גליא און הן חסידות, איז הבנה והשגה און די השגה באדארף ברייגנען א התעוררות מדה וואס איז מתאים צו דער השגה. די מדה וואס ווערט דורך דער השגה באדארף ערשט האבען א הזדככות, אבער די התעוררות וואס ווערט דורך א ניגון איז די התעוררות אליין א מזוככת.

כז. שם, שיחת ב' דחגה"ש, אות ו'.

אין א חסידישן ניגון, שפיגעלט זיך אפ דער מהלך רוח פון דעם וואס האט מחבר געווען דעם ניגון. א ניגון איז א געוויסע איבערלעבונג, זיינען פאראן אין דעם צוויי אופנים: א איבערלעבונג וואס גיט זיך איבער אין א ניגון און א ניגון וואס שאפט א איבער־לעבונג.

רבינו הזקן [2]) איז געווען א געבארענער מנגן. זייענדיק אין מעזריטש האט ער מקבל געווען א סך ניגונים, וואס מען האט געזונגען בא מורנו הבעש"ט און האט זיי איינגעחזר'ט בדיוק. יעדער נגון האט גע־האט זיין נאמען לויט די תולדות פון דעם ניגון, ווער עס האט אים מחבר געווען, אין וועלכען זמן און וואס פאר א פאסירונג דער ניגון דערציילט.

הצדיק ר' מיכל מזלאטשוב [18]) איז געווען א גרויסער מחדש פון ניגונים. מורנו הבעש"ט האט געזאגט, אז הצדיק ר' מיכל'ע איז אן אפטער אריינ־געהער אין היכל השיר און קלייבט אויס התעוררות און תשוקה ניגונים.

אמאל איז הצדיק ר' מיכל געווען חלוש בבריאותו, און מצד חלישותו האט ער דאן ניט גע־קענט געהן צו מורנו הבעש"ט. דאמאלסט האט ער מחדש געווען דעם ניגון, באוואוסט בא חסידים מיטן נאמען: ר' מיכעל'ע זלאטשובער'ס געגועים ניגון, וואס רבינו הזקן האט געבראכט קומענדיק פון מעזריטש.

ר' מיכעלע'ס געגועים ניגון איז איינגעטיילט אין דריי חלקים: דער ערשטער טייל איז מצייר די שטארקע בענקעניש און גרויסע געגועים. דער צווייטער פאל איז די גליקליכע גרויסע שמחה ווען ער קומט צו מורנו הבעש"ט, און דער דריטער פאל איז די התעוררות הדבקות און איבערגעגעבענקייט למורינו הבעש"ט.

כח. שם, שיחת ש"פ פנחס י"ד תמוז, אות ו'.

חסידים זיינען בעלי שיר, דער רבי [9]) האט גע־מאכט חסידים פאר בעלי שיר. רבינו הזקן [2]) האט מסדר געווען צען ניגונים ע"פ הסדר דספירות ועולמות אבי"ע.

מיר האבען זוכה געווען צו הערען י"ט כסלו תרס"ג פון הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק [9]) א פירוש ארוך ומסודר אויף דעם ארבע בבות ניגון, אז ער איז מכוון נגד ארבעה עולמות אבי"ע. מיר אלע וועלכע זיינען בייגעווען די מחזה הקדושה דארפען געדיינקען, ווי הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק האט זיך אויפ־געשטעלט מלא קומתו און האט געזאגט:

---

27) הרה"ח ר' זלמן אהרן בנו של אדמו"ר מוהר"ש ואחיו הגדול של אדמו"ר הרש"ב.

28) אדמו"ר הזקן, שאדמו"ר הצ"צ הי' נכדו מבתו, ראה לעיל ציון 4.

29) אדמו"ר האמצעי, שאדמו"ר הצ"צ הי' חתנו.

30) אדמו"ר הצ"צ, שהרז"א הי' נכדו.

„מיר אַלע חסידי חב״ד באַדאַרפן געבן אַ באַזונדער שבח והודי׳ להשי״ת, פאַר דעם זכות ההתקשרות מיטן רבין, וואָס דורך דעם זיינען מיר פאַרבונדען מיטן אין סוף פון חכמה דאצילות, און מיט דעם רבינ׳ס [31]) ניגונים וועלען מיר מקבל זיין את פני משיח צדקנו״.

אוצר החכמה

דער עלטער זיידע, דער רבי צמח צדק, אין זיי־נע זכרונות וועגען דעם שמחת בית השואבה סדר אין יאָר תקנ״ז, שרייבט, אַז רבינו הזקן האָט געזאָגט אַ קורצען קאַלט פייערדיגען עבודה מאמר אויף דער משנה (שבת פ״ה מ״א), כל בעלי השיר יוצאים בשיר ונמשכים בשיר. די ביידע עבודות הנשמה, הן מה שיוצאים מההעלם אל הגלוי מחכמה דאצילות מלמעלה למטה איז דורך שיר, און הן די עלי׳ מהגילוי אל ההעלם דחכמה דאצילות, וואָס דאָס איז דער העלם העצמי פון עצמות אין סוף איז דורך שיר.

דער רבי, דער שווער [32]), האָט אין יענעם יאָהר שמחת בית השואבה דערציילט, וואָס ער האָט גע־הערט פון הישיש החסיד ר׳ יצחק שמואל, וואָס איז געווען איינער פון רבינו הזקן׳ס תלמידים:

ווען רבינו הזקן איז געקומען דעם ערשטען מאָל פון מעזריטש האָט ער געזאָגט: שלשה דברים האָט איהם דער מגיד מגלה געווען א) ווער ער איז, — אַ נשמה דאַצילות. ב) צוליב וואָס איז נשמתו אַראָפּ אויף דער וועלט, — מגלה זיין חסידות חב״ד. ג) אַז דער גילוי חב״ד איז דורך נגינה אין צוויי אופנים: העלאה און המשכה.

רבינו הזקן זאָגט דעם מאמר, כל בעלי השיר יוצאים בשיר מלמטה למעלה ונמשכין בשיר מלמעלה למטה. קול מעורר הכוונה, דאָס הייסט די כוונה עצמית, ניט נאָר די כוונת המכוון, ווייל דער מכוון איז דאָך מוגבל בידיעתו, אָבער די כוונה עצמית איז די כוונה של הבורא, וואָס איז בלתי מוגבלת.

וסיים כ״ק אדמו״ר שליט״א: איצטער זינגט דעם ניגון הידוע מווארשא [31]), מיט אַ התעוררות פנימית, בכדי ממשיך זיין אָהער דורך דעם ניגון די תלמידי תומכי תמימים בוואַרשא. (הי׳ אַז זמן הצלת התלמידים מידי ה„נאַצים״ ימ״ש בעת המלחמה העולמית השנית).

**כט.** שם, ש״פ תבוא, ח״י אלול, אות י״ג.

דער הכשר בשר לאכילה איז דורך מליחה. אַרויסצונעמען די דמים האסורים איז דורך דריי זאַכען: שרי׳, מליחה און הדחה.

אין עבודה מיינט דאָס: שרי׳ — ווייקען זיך אין דברי הרב. מליחה איז דער ענין פון יחידות, און הדחה איז דער ענין הניגון. אַז מען ווייקט זיך אין די דברי הרב ביז מען ווערט נתעורר צו זיין אויף יחידות, און מען זינגט אַ חסידישען ניגון, איז דאָס בשר כשר, אַז דער בשר הגשמי ווערט אַ כלי צו גילוי הנשמה.

**ל.** משיחת פורים תש״א.

עס איז ידוע בשם כ״ק אדמו״ר הצמח צדק, אַז דעם אַלטען רבינ׳ס ניגון פון די פיער פאַלען זינגט מען, נאָר אין זמנים ידועים [32]), ווי חודש אלול, ימי הסליחות, וואָס זיינען מעורר לתשובה און אויך אין שמחת תורה. שמח״ת אַז מען זינגט דעם ניגון ווערט למעלה אַ ששון ושמחה. פורים און י״ט כסלו קען מען איהם אויך זינגען, אָבער בימות החול, אַז מען זינגט דעם ניגון קען ער מעורר זיין קטרוגים ח״ו.

...מיר ווייסען ניט אַלע כוונות פון דעם ניגון — הכוונה על הניגון של הד׳ בבות מאדמו״ר הזקן —, דער פאַר דאַרף מען איהם זינגען מיט פשיטות, און השי״ת וועט העלפען. נאָר דער עיקר איז זינגען אָהן אַ כוונה פרטית, נאָר בפשיטות ותמימות, וואָ־רום כוונה איז דאָך תלוי באופן ואיכות כוונתו, דע־ריבער איז בעסער צו זינגען דעם ניגון בפשיטות ותמימות, וואָס בכלל, התחלת עבודה איז בפשיטות ותמימות.

...איצט איז אַ צייט, אַז מען דאַרף אויסנוצען אַלע סגולות.

עס איז דאָ דער ענין פון עצה, סגולה און רפואה.

צו הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק צמח צדק איז אַמאָל געקומען אַ חסיד, וואָס האָט געוואוינט אויפ׳ן דאָרף און האָט זיך מתאונן געווען, אַז עס טרעפען זיך איהם ניט קיין אנ״ש וואָס זאָלען דורכפאַרען זיין דאָרף, מיט וועמען ער זאָל קענען איבערגעבען אַ פדיון צום רבין. — ביים המון מיינט אַ „פדיון״ — געלד, אָבער ביי די רביים איז דאָס אַ ענין פון מסירת נפש.— האָט דער צמח צדק געזאָגט צום חסיד: אַ טייכ׳ל האָסטו, געה און זיי זיך טובל אין טייכ׳ל און שרייב אַ פדיון און זינג דעם רבינ׳ס — אדמו״ר הזקן — ניגון.

**לא.** משיחת פסח שני תש״א.

חוש הנגינה בא בירושה. הרה״ח ר׳ לוי יצחק חתן כ״ק אאזמו״ר הצמח צדק, הי׳ מנגן גדול והי׳ לו חוש בנגינה עד להפליא. פ״א הי׳ בעיר הבירה

31) ניגון (סא) שבספרנו.

32) ראה לעיל אות ח.

פעטערבורג יחד עם גיסו כ"ק אאזמו"ר מוהר"ש והתאכסנו במלון. פעם נכנס כ"ק אאזמו"ר מוהר"ש לחדר של גיסו רלו"י ומצאו במצב קרוב להתעלפות, והקיצו, ובשאלו הסיבה, ענה לו הרלו"י, אשר בחדר הסמוך לחדרו ניגן אחד על כנור בהפלאה גדולה, ומתיקות הניגון נגע אותו עד הנפש ממש...

הרלו"י קיבל חוש הנגינה בירושה מאבי זקנו הרה"ק ר' לוי יצחק מבארדיטשוב.

לב. שם.

א ניגון דאַרף מען זינגען אַזעלכען וואָס האָט אין זיך אַ תוכן, אויב ניט איז דאָס גלאַט אַ „טעג־צעל". דער סימן, אַז דער ניגון האָט אַ תוכן איז, אַז עס דאַווענט זיך מיט דעם ניגון. אַמאָל טרעפט, אַז מען פאַרעט זיך אַרויס נעמען פון זיך עפּעס אַ מין רע, און אַז מען זינגט דערביי אַ ניגון העלפט דאָס.

אַמאָל דאַווענט זיך ווי עס זינגט זיך, און אַמאָל זינגט זיך ווי עס דאַווענט זיך, אָבער אַלעס מיט אַ תוכן, אַז מיט דעם ניגון דאַרף צוקומען אין השגה אָדער אין אַ התעוררות המדה. דערפאַר דאַרף מען זינגען אַלטע ניגונים אָדער אפי' נייע, נאָר אַזעלכע וואָס האָבען אין זיך אַ תוכן.

אח"כ ציוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן את הניגון הנקרא בשם: „דער בינוני" [33]).

לג. משיחת ש"ק קרח תש"א.

בשנת תער"ב ישבו פעם במסבה בליובאוויטש עם כ"ק אאמו"ר הרה"ק [6]), והי' נוכח הרה"ח ר' יעקב מרדכי מפאָלטאַווא [34]). המסובים ניגנו בהתרגשות, בתוך כך שאל כ"ק אאמו"ר את הרי"מ: איהר געדיינקט? והשיב הרי"מ: יאָ, איך געדיינק. אנחנו המסובים לא ידענו מתחלה מה הכוונה בהשאלה, ומהי התשובה.

אח"כ עמד הרי"מ על רגליו, כדרכו בעת התרגשותו, וסיפר: פעם יצא כ"ק אאזמו"ר מוהר"ש למסבת החסידים — בשמח"ת תרל"ז או תרל"ט, — ודרכו הי' לקצר וכשהי' יושב לפעמים במסבת התועדות חסידים חצי שעה הי' הרבה, — ואמר: בשום אופן וויל איך ניט אויפגעבען דאָס וואָס איז ביי אונז בירושה מאבותינו. איך קען ניט און איך וויל ניט. אַז מ'זינגט אַ ניגון במסבה של חסידים איז דאָס אַ התעוררות לתשובה, און אין אונזערע ד' אמות — איז דאָס מביא לתשובה, — והתחיל לנגן ניגון פנימי של התעוררות וכל הנאספים סייעו אחריו.

33) ניגון (מו) שבספרנו.

34) הרה"ח ר' יעקב מרדכי בעזפאלאוו, רב בעיר פאלטאווא באוקריינא, מחסידים המפורסמים של אדמו"ר מוהר"ש ואח"כ מאדמו"ר הרש"ב.

כשגמר הרי"מ לספר, ניגן אותו הניגון שניגנו אז במסבת כ"ק אאזמו"ר מוהר"ש וזלגו עיניו דמעות.

וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א: מען האָט געדאַרפט מאַכען אַ גדר וסיג ניט מבטל זיין די ד' אמות; מען דאַרף יעצט זינגען אַ האַרציגען וואַרימען ניגון.

לד. משיחת ליל שמח"ת תש"ב.

בשנת תרס"ו, הי' פעם הראשונה שהתחילו תלמידי התמימים לאכול ביחד בחגה"פ, באולם הגדול של ישיבת תומכי תמימים בליובאוויטש. ביום אחש"פ אכל כ"ק אאמו"ר הרה"ק [6]) סעודת יו"ט יחד עם תלמידי התמימים בהישיבה.

באמצע הסעודה, קרא כ"ק אאמו"ר הרה"ק להתמים הרב שאול דוב בער זיסלין [35]), וביקשו שיאסוף אליו כל התלמידים יודעי נגן וינגנו והוא — רש"ד — יהי' בתור מנהל הסדר. ואמר אז כ"ק אאמו"ר הרה"ק, כי ניגון הוא ענין — יופי וזה קורא — רופט אַרויס — את היופי שבנפש, והסדר בהניגון הוא ענין — כליל יופי, ומנהל המנגנים עליו מוטל להחזיק את קבוצת המנגנים שינגנו בסדר.

לה. שם.

אין די סעודות שבת און יו"ט בעדאַרף מען זינגען, און אַז מען זינגט דאַרף מען זינגען מיט אַ סדר.

לו. שם.

ניגנו ניגון, ואמר כ"ק אדמו"ר שליט"א: דער ניגון איז גוט לאחר אַז מען איז שוין „אַ מענטש", מ'באַדאַרף אָבער זינגען אַזאַ ניגון, אַז מען זאָל ערשט ווערען אַ „מענטש".

לז. משיחת י"ט כסלו תש"ב.

מען דאַרף צונויפקלייבען דעם רבינ'ס צעהן ניגונים און גוט איינחזר'ן, אַז מען זאָל זיי זינגען בסדר מסודר, און השי"ת זאָל אונז, חסידי חב"ד, בענטשען, אַז מיר זאָלען דערהערען אין אַ פנימיות.

לח. משיחת ליל אחש"פ תש"ב.

עס איז אַריין אין דרכי החסידים, אַז בכדי מקיים צו זיין דעם מאמרז"ל, הלואי שיתפלל אדם כל היום, זינגט מען אַ ניגון, וואָס מ'דאַווענט מיט דעם ניגון, איז דאָס גלייך כאלו התפלל. דעריבער זאָל מען יעצט זינגען אַ ניגון וואָס מען דאַווענט מיט איהם, וציוה לנגן את הניגון הידוע בשם: „דער בינוני" [33]).

לט. משיחת יום אחש"פ תש"ב.

כ"ק אדמו"ר שליט"א ביקש לנגן את הניגון של

35) הרב שאול דוב זיסלין — מזקני התמימים, תלמידי ישיבת תומכי תמימים, וכעת רב בעיר תל אביב באה"ק.

אוצר החכמה

ד׳ בבות מרבינו הזקן, ואת הבבא הרביעית לחזור ג׳ פעמים ואמר, שחסידי כ״ק אדמו״ר הזקן היו קוראים את הניגון בשם תקיעה גדולה, שהוא מל׳ ותקעתם יתד במקום נאמן, תקע הוא ב׳ ענינים, מען איז תוקע דעם ענין אין זיך אדער מען איז תוקע זיך אין דעם ענין.

מ. משיחות א׳ דחגה״ש תש״ב.

ענין הנגינה, זהו אחד מהנהגות ודרכי העבודה של החסידים שקיבלו ממורנו הבעש״ט נ״ע.

כשבא כ״ק אדמו״ר הזקן לוויטעבסק, בתור חתן הגביר הרי״ל סגל, המשיך את לבבות האברכים הלומדי תורה בגאונותו המופלאה. זכות גדולה היתה נחשבת, כשבא כ״ק אדמו״ר הזקן על איזו שמחה שבעיר.

פעם אחת כיבדו את כ״ק אדמו״ר הזקן, כשבא על שמחת חתונה אצל אחד החשובים שבעיר, להגיד פלפול, ואמר אז פלפול וחילוק עמוק וחריף בסברות נעלות במהירות גדולה — כדרכו אז — והתפעלו השומעים מאוד, מעמקות הפלפול וממה שאמרו במהירות כ״כ, ואמר להם כ״ק אדמו״ר הזקן: הלשון הוא קולמוס הלב.

אח״כ ביקשו אותו שיזמר איזה זמר, מפני שבעת שהי׳ לומד או מתפלל, לא היו הנוכחים יכולים לזוז ממקומם ממתיקות ניגונו, וניגן לפניהם איזה ניגון, אח״ז אמר להם:

הלשון הוא קולמוס הלב, והשיר הוא קולמוס הנפש.

וזה הי׳ אחד מהענינים — דבר מעלת הנגינה — שרבינו הזקן כיוון לאמיתתו עוד קודם שידע כלום שיש א „זיידע" [36] — הבעש״ט — בעולם.

אח״כ בבואו למעזריטש, שמע מהמגיד ממעזריטש בשם מורנו הבעש״ט, שענין הניגון הוא אחד מדרכי העבודה בחסידות.

אמנם כל זה הוא באם שהניגון הוא „ממולא". כששומעים ניגון יכולים להכיר, אם הוא ממולא באיזה תוכן או שהוא ניגון של מה בכך, א פוסטער ניגון. ניגון שמתפללים עמו הוא ניגון ממולא. כשמנגנים אותו, שומעים ומרגישים את הענין שהיו מתפללים עם הניגון הזה.

מא. שם.

ביי דעם מיטעלער רבין [1] איז געווען אַ קאַפעליע פון מנגנים, וועלכע האָבן געשפּילט אויף כלי זמר. איך האָב נאָך געזעהן אין ליובאַוויטש איינע פון די כלי זמר פון די קאַפּעליע. דער ענין פון שיר בכלים דאָס איז אַ ענין פון עבודה.

מב. מקונטרס מאמרים ער״ח תמוז תש״ב, ע׳ 7־8.

שמחת תורה תרס״א אין אָווענד, צו קידוש פאַר הקפות, האָט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק [6] גערעדט אַ ביאור רחב, מיט כמה ספורים פון די זקני החסידים, אויף די ענינים וואָס ער האָט געשריבען אין קונטרס התפלה, וואָס במשך דעם יאָהר תר״ס איז דער קונטרס געלערענט געוואָרען ברבים אין הונדערטער ערטער במדינה און מחוץ למדינה.

אין דער שיחה, האָט זיך הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף מנהג החסידים צו זינגען אין דאַווענען, אַמאָל אַ שמחה ניגון, אַמאָל אַ מרירות ניגון, אַמאָל אַ רצוא ניגון, אַמאָל אַ שוב ניגון, אַמאָל אַ כלות הנפש ניגון און אַמאָל אַ אהבה בתענוגים ניגון, און אַלע ניגונים זיינען מיט דער חב״ד התישבות׳דיגער התלהבות, מיט דבקות און געגועים צו העכער.

„דאָס זינגען אין דאַווענען הויבט זיך אָן פון משה רבינו. עס שטעהט אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת, אָט די שירה האָט משה רבינו געזונגען עם בני ישראל צוזאַמען, און אין דאַווענען האָט משה אליין געזונגען. משה רבינו איז געווען אַ חב״ד׳ניק. משה איז די דרגא פון חכמה, און די שלימות פון חכמה איז דורך בינה ודעת, וואָס זיינען כלולות בחכ׳, און זיי — בינה ודעת — זיינען משלים את החכמה. די אותיות ו״ד, וועלכע זיינען דער מילוי פון אות י׳ און זיינע משלים דעם אות י׳. י׳ איז חכמה. משה רבינו, וואָס מדריגתו איז חכמה דאצי׳ במילואה, איז ער אַ חב״ד׳ניק, און אַ חב״ד׳ניק זינגט אין דאַווענען.

דער רבי — דער אַלטער רבי [2] — האָט מייסד געווען די דרכי החסידות על בסיס נאמן. נגינה בכלל, און אין דאַווענען בפרט, איז איינע פון די דרכי החסידים.

ר׳ משה ווילענקער און ר׳ פנחס רייזעס, וועלכע זיינען געווען פון דעם רבינ׳ס ערשטע חדרים מחונכים [37], האָבען דערציילט, אַז גאָר אין אָנהויב, נאָכ׳ן פאַרהערען אין לערנען, האָט זיי דער רבי געשיקט צו משה זלמן דעם פעלדמאַן, זיי זאָלען זיך אויסלערנען ניגונים.

משה זלמן איז געווען אַ איד אין די מיטעלע יאָהרען, אַ איד אַ למדן, און האָט זיך עוסק געווען אין חסידות, און אַ גרויסער שוויגער. ער איז גע־

36) כידוע קרא אדמו״ר הזקן את הבעש״ט, שהי׳ רבו של רבו המגיד ממעזריטש, בשם: „זיידע" במובן הרוחני.

37) אדמו״ר הזקן יסד מחלקות מיוחדות לתלמידיו לפי ערכם וקראם בשם חדרים: חדר א׳, חדר ב׳ וחדר ג׳.

ווען אַ שטאַרקער מנגן. ימים נוראים און ימים טובים איז ער געווען אַ בעל תפלה ביים רבי'ן, און דאָס רוב זומער־טעג פלעגט ער נעמען אַ ספר און אוועקגעהן מחוץ לעיר אין פעלד לערנען און זינגען. זיין נגינה איז געווען אַ שם דבר אין דער גאַנצער סביבה, און זיין הנהגה פון ליב האָבען דאָס פעלד איז געווען מפורסם. האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען משה זלמן דער פעלדמאַן.

איינמאָל — דערציילען החסידים ר' משה ווי־לענקער און ר' פנחס רייזעס — איז דער רבי אריין אין קליינעם בית המדרש, וואו זיי און נאָך יונגע לייט האָבען געלערנט און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען טיש, האָט זיך אַנגעשפּאַרט אויף די הענט אין דבקות אַ משך זמן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די דבקות, האָט ער געלערנט בעל פה די פאָלגענדע משנה.

„במה בהמה יוצאה ובמה אינה יוצאה, זמן התפלה איז דער שבת פון יום החול, במה בהמה יוצאה — דורך וואָס פאַר אַ עבודה אין דאַוונען קען מען אַרויספיהרען דעם נפש הבהמית. אין נפש הבהמית זיינען פאַראַן מדריגות גמל, נאקה, חמור, סוס. — יע־דער דרגא פון נפש הבהמית האָט אַ באַזונדער סדר עבודה. אָבער די עבודה כללית איז, אַז כל בעלי השיר יוצאים ונמשכים בשיר, שיר איז אַ טבעת, מען בינדט צו דעם חבל, יוצאים בשיר ונמשכים בשיר איז רצוא ושוב [38]. דער שיר וזמרה אין דאַוו־נען איז אַ סגולה עצמית, הן אויף אַרויספיהרען דעם נפש הבהמית און מברר זיין הטוב שבו און הן מעורר זיין די כוונה פנימית".

מיט דער תורה האָט דער רבי קובע געווען ביי חסידים עבודה שבלב, מעורר געווען דעם כח הנגינה און געגעבען אַ כח חסידים אַז דער קול הנגינה זאָל מעורר זיין את הכוונה".

מג. שם, ע' 12.

נאָכדעם האָט הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק [*]) געהיי־סען מכריז זיין, מען זאָל זיך מכין זיין זינגען דעם אַלטען רבינ'ס ניגון [*]) — ד' בבות —, ווי מען האָט גערעדט (אין פאַר־הקפות שיחה) אַז אַ ניגון איז מרומם ומקשר ובפרט דער ניגון, וואָס ער איז מכוון נגד ד' אותיות פון שם הוי', און נגד ד' עולמות אבי"ע הפרטים און אויך נגד ד' עולמות אבי"ע הכללים.

„דער זיידע, דער רבי צמח צדק, האָט געזאָגט אויף דעם ניגון: כל האומר שמועה בשם אומרה יראה כאלו בעל השמועה עומד כנגדו [39].

מיין רבי, מיין פאָטער — הוד כ"ק אאמו"ר מוהר"ש זצוקללה"ה נבג"ם זי"ע — האָט געזאָגט, אַז בעת מען זינגט דעם אַלטען רבי'נס ניגון — ד' בבות — איז אַ זמן מוכשר אויף תשובה, ווייל דע־מאָלט איז אַ עת רצון למעלה, און וואָס אַ עת רצון איז, ווייסען חסידים, הגם אין זמני עת רצון זיינען דאָך פאַראַן דרגות, אָבער הצד השוה שבהן אַז עס איז אַ עת רצון".

הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק האָט אָנגעהויבען זינ־גען דעם אַלטען רבי'נס פיר־פאָל־ניגון און אַלע האָבען נאָכגעזונגען מיט גרויס התלהבות והתעור־רות, אָהן התפעלות חיצונית. יעדער איינער איז גע־ווען פאַרנומען מיט זיך, מיט זיין עבר, הוה ועתיד. דער גרויסער זאַל איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ יום־כפור'דיגער ונתנה תוקף שטימונג.

מד. משיחת י' כסלו תש"ג.

פ"א הי' הרה"ח ר' הלל מפאריטש [*]) במחוזי ה„סטעפּעס" בבאלאקאוו — באוקריינא — ושם הי' דר החסיד ר' שמעון בעשענקאָוויצער שהי' איש פשוט לפי"ע. בהיות ר' הלל בחדרו שמע קול נגינה ויצא לחוץ ונמשך אחר קול הנגינה לשדה ומצא את ר' שמעון הנ"ל כשהוא עומד בשדה און געקאָשעט היי און געזונגען דערביי אַ ניגון, וואָס איז געווען ידוע ביי חסידים, אַז דער מיטעלער רבי פלעגט דאַוונען מיט דעם חב"ד ניגון מיט אַ גרויסע התעוררות. האָט ר' הלל געזאָגט צו זיין מנין באַגלייטער, זעהט און הערט, וואָס דער ניגון האָט אויפגעטאָן אויף דעם פשוט'ן אידען.

דער גה"י האָט געקאָשעט היי און דער חב"ד חג"ת איז געווען וואו מ'באַדאַרף זיין.

מה. משיחת פורים תש"ג.

אַמאָל זיינען געקומען אַ קבוצה אידען פון לי־טע צו כ"ק אאזמו"ר הצמח צדק. ווען זיי זיינען אריינ־געגאַנגען אויף יחידות צום רבין, האָבען זיי געזאָגט צום רבין הצמח צדק: מיר ווילען נתקרב ווערען, נאָר מיר האָבען מניעות ועיכובים, מיר האָבען קשיות, וענה להם הצמח צדק: פרעגט.

ושאלו, היות שראו חסיד גדול, בכה בשמח"ת וניגן בת"ב ואינם מבינים דרך כזה.

כ"ק אאזמו"ר הצ"צ האָט זיך פאַרטראַכט און זיי געענטפערט: באַ אַ חסיד איז דער ניגון ניט קיין שמחה און די בכי' איז ניט עצבות. די בכי' איז מרירות. שמח"ת אַז ער דערמאָנט זיך אויף התגלות אור התורה אין דעם טאָג און ווי די תורה פרייט זיך מיט איהם און אַז ער איז זיך מתבונן בריחוקו מה', דאַמאָלסט קומט ער צו מרירות; ת"ב, בעת החורבן,

---

38) ראה לעיל אות כ"ח.
39) ראה לעיל אות ג', ח'.

כשרואה שנתקיים החורבן, הנה בכל עצב יהי' מותר ומאמין בקיום יעודי הגאולה ומשו"ז הוא מנגן, שהניגון הוא בבחי' להתענג על ה'.

מו. מלקוטי דיבורים חגה"פ תש"ג, אות ט"ז.

דער ענין פון ניגון דארף האבען א תיקון וחיזוק. אמאל האט א איד געדאווענט און געזונגען א ניגון בתוך התפלה, וממילא האט זיך נאכ'ן דאווענען אויך געזונגען...

דער יסוד פנימי פון דרכי החסידות און קליטת אור החסידות איז די עבודה פון דאווענען. זינגען איז די חיצוניות פון דרכי החסידות... די פנימיות פון דער חיצוניות איז, דער קירוב'דיגער אריינפיר אין א אידעלערען היכל.

חסידישע בעלי בתים און חסידישע בעלי עסקים פלעגען זיך קאכען אין די חסידישע ניגונים. בא יעדען איינעם פון די חסידים, וואס פאר א סוג אנושי ער איז ניט געווען, האט ער געהאט א געשמאק אין א ניגון. דער ניגון איז איהם געפעלען און ווען ער האט געזונגען האט דאס איהם אפגעריסען פון זיין פראסטקייט און אויפגעהויבען פון זיין מצב החילוני.

מז. שם, אות מ"ט.

א חסידישער ניגון איז א ענין עיקרי.

... מען דארף זיך לערנען זינגען א חסידישען ניגון, זינגען ווי ער איז אהן חזנישע דריידלעך, ווייל די חסידישע סיפורים און חסידישע ניגונים האבען, בעזה"י, מעמיד געווען דורי דורות פון חסידים בעלי עבודה.

מח. שם, אות נ"ב.

ר' הלל) מפאריטש ציוה שינגנו בשלחנו בכל ש"ק ג' ניגונים, כל אחד ג' פעמים וביו"ט ה' ניגונים, כ"א ג"פ. ער פלעגט יעדען פון זיינע מחונכים יונגע לייט מקרב זיין מיט א סיפור און ספעציעלען ווארט, וואס ער האט געזאגט צום יונגען מאן. ואח"כ שרו ניגון, וממילא איז דער ווארט אריינגעקלעפט געווארען מיט'ן ערשטען ניגון ואח"כ איז ער איינגעבאקען געווארען מיט'ן צווייטען מאל זינגען.

מט. שם, אות ע"ד.

...דער עלטער זיידע, דער צמח צדק, האט געזאגט — בסעודת יום השני דחג השבועות שנת תר"י: „א ניגון מכוון איז פותח שער מיחידה לחי' ומחי' לנר"ן".

די פינף דרגות וואס זיינען פאראן אין נשמה: נפש, רוח, נשמה, חי' ויחידה, זיינען איינגעטיילט אין צוויי חלוקות כלליות: מקיפים און פנימים. יחידה און חי' זיינען מקיפים; נפש, רוח ונשמה זיינען פנימים...

נגינה איז דער משרת פון עונג און רצון און דערום איז א ניגון מכוון דער פותח שער פון יחידה צו חי' און פון חי' צו נר"ן, וואס דער ענין פון פתיחת השער איז דער גילוי אורות מקיפים אין די כחות פנימים... (ראה שם באריכה).

א ניגון מכוון וואס דער רבי) זאגט, מיינט מען א ניגון פון א רבין: וואס דער רבי אליין האט מחבר געווען, אדער וואס א רבי האט בוחר געווען. אין ניגונים זיינען פאראן דריי דרגות: א) א ניגון מכוון. ב) א ניגון וואס זאגט עפעס, ווי ביי די חסידים הראשונים איז געווען: דער תשובה ניגון, דער התבוננות ניגון, דער אהבת רעים ניגון וכדומה וג') א ניגון שוטה וואס זאגט גארנישט און איז גאר נישט מכוון.

נ. שם, אות ע"ה.

אין דער התקשרות פון א חסיד צו א רבי'ן זיינען פאראן דריי אופנים. יעדער אופן איז א באזונדערע התקשרות אין א באזונדערער דרגא פון רבי'ן. כששומעים ספור מעשה מהרב,[40]) להיותו הוראת דבר, ה"ה מקושר אל כח המעשה של הרב. כששומעים תורה ה"ה מקושר אל כח הדבור ובאמירת ניגון ה"ה מקושר אל המחשבה.

כ"ז הוא דק נר"ן, די כללות ההתקשרות פון א חסיד צו א רבי'ן איז מער ניט ווי אין די מדריגות נר"ן פון א רבי'ן. ווי דא ווערט נתבאר, אז א ניגון מכוון פותח השער פון די כחות מקיפים לפנימיים בא דעם מנגן, איז מובן אז אזא ניגון איז פועל א העכערע התקשרות ווי אין די מדרי' נר"ן פון דעם רבי'ן. נאר דאס איז דאן ווען ער — דער מנגן הניגון מכוון — איז זיך מצייר במחשבתו ווי ער האט געהערט דעם ניגון פון רבי'ן, און טראכט זיך אריין אין דעם כללות המעמד ומצב ווי ער איז דאן געווען. און ווען מען זינגט א ניגון מכוון מיט א התעוררות פנימי, דאן איז די התקשרות פון חסידים צו א רבי'ן אין כחות מקיפים פון א רבי'ן.

דער כללות הענין, פארוואס איז נגינה פועל אזא התקשרות, ווייל אין נגינה זיינען פאראן תנועות און כל תנועה מולדת חום, וואס חום איז א כלי צו חיות...

נא. אות פ"ט.

דער אלטער רבי) אין די ערשטע יארען פון זיין נשיאות פלעגט ער זאגען מאמרים קצרים.

...אין א געוויסען זמן איז דער רבי) דורכגע-

---

40) להעיר ממ"ש לעיל אות י'.

פאַרען שקלאָוו. מען האָט שוין יעמאָלט אין שקלאָוו געוואוסט, אַז דער רבי איז אַ גאון עצום, האָבען גאוני שקלאָוו ביים רבי'ן געפרעגט זייערע שאלות. דער רבי האָט קיינעם ניט געענטפערט, איז גע־בליבען מען זאָל מאַכען אַן אסיפה רבה אין קאָל־טען בית המדרש און מזמין זיין דעם רבי'ן, ער זאָל זאָגען תורה און פאַרענטפערען אַלע שאלות. דער רבי האָט די הזמנה אָנגענומען.

דער רבי איז געקומען אין בית המדרש, איז אַרויף אויף דער בימה און האָט געזאָגט: זאָל איך אייך זאָגען תורה פאַרענטפערען אייערע קשיות, איך וועל זינגען אַ ניגון.

די משנה זאָגט: כל בעלי השיר יוצאין בשיר, נשמות ומלאכים יוצאין בשיר ונמשכין בשיר [41], ההעלאה וההמשכה שלהן הוא ע"י שיר וניגון. און האָט געזונגען מיט גרויס דבקות. אין בית המדרש איז געווען שטיל, אַלע זיינען געווען פאַרזונקען אין די טיפעניש̈ען פון זייערע מחשבות, אַז לשעה האָבען זיי גאָר ניט געפילט וואו זיי זיינען.

בשעת דער רבי האָט געזונגען, איז בא יעדען פון גאוני שקלאָוו רעכט געוואָרען זייערע קשיות און שאלות. דער רבי מיט זיין דבקות ניגון האָט פותח געווען די צנורות מעינות החכמה, און האָט פועל געווען אַ פתיחה אין די כלי המוח און כלי השכל ביי די גאוני שקלאָוו...

חסידי שקלאָוו האָבען דעם ניגון אַ נאָמען גע־געבען „דער מתן תורה ניגון".

נב. שם, אות פ"ו.

החסיד ר' ישראל דובער נ"ע מוועליזש איז געווען דעם זיידענס [42] אַ מקושר. ער איז געווען פון די מפורסמים בעדת החסידים, אַ בר דעת אין נגלה און אין חסידות און האָט זיך עוסק געווען בעבודת התפלה.

הרי"ד נ"ע האָט מיר דערציילט, אַז בשנת תרל"ח ווען ער איז געווען ביים זיידען [42] ביחי־דות [42א], האָט ער אין זיין צעטעל געשריבען, אַז הגם ער האָרעוועט אויף אַ הבנה פון אַ עניין און פאַרשטייט איהם גוט, אָבער עס איז אָהן אַ געשמאַק. האָט איהם דער זיידע [42] געזאָגט:

האָרעוואַניע נעמט ניט טימטום המוח, דיין עצה איז נגינה בתפלה.

נג. שם, אות צ'.

...אותיות הנגינה זיינען אותיות העלי', וואָס הויבען אויף אין אַ העכערע דרגא און מיט אַ התכללות — איינגעשלאָסענקייט —. זיי זיינען מגלה דעם נסתר הנעלם אין דער טיפעניש פון רוממות הנפש, אַז לשעה איז ער ניט, דער בגלוי'דיגער. ער איז דאָן אַ חלק פון נפש. דורך די אותיות הנגינה ווערט ער אויפגעהויבען און אַריינגע־צויגען אין דעם רום המעלות פון היכלי אור וגילוי, וואָס די קוי האור זיינען לשעה דוחה דעם גאַנצען לא טוב. און עס ערוועקט אין איהם דעם טוב פנימי ונעלם וואָס איז ריין קלאָר. און לשעה איז ביי איהם די התגברות הצורה על החומר.

...און מיט דעם וועט מען קלערער און טי־פער פאַרשטיין דעם זיידענס, דעם רבי מוהר"ש, יחידות ענטפער להחסיד ר' ישראל דובער [43], אַז האָ־רעוואַניע נעמט ניט טמטום המוח און די עצה איז נגינה, וויל נגינה איז משרת העונג והרצון, און אותיות הנגינה ברייגען אַרויס דעם נסתר הנעלם, וואָס דער נסתר הנעלם ביי יעדער אידען איז כולו טוב.

נד. שם, צ"ב.

מען האָט גערעדט [44], אַז אַ ניגון מכוון מיינט: אַ ניגון וואָס אַ רבי האָט אַליין מחבר געווען, אָדער בוחר געווען הן אַ בחירה פרטי', דאָס הייסט וואָס מיט דעם ניגון האָט דער רבי געדאַווענט בחול אָדער בשבת ומועד. און הן אַ בחירה כללית וואָס דער רבי זינגט אָדער הייסט זינגען דעם ניגון, בעת אַ התועדות.

בכדי צו פאַרשטיין אַ ניגון מכוון, באַדאַרף מען לערנען די חסידות פון דעם רבי'ן און דאַן קאָן מען פאַרשטיין דעם תוכן און נושא פנימי פון דעם ניגון, וואָס דאַן ווערט מען איינגעשלאָסען אין דעם ניגון און מען האָט רשות צו האָפען, אַז די אותיות הניגון קענען פועל זיין אָט די פעולות פון דחיית הלא טוב און התגלות הנסתר הנעלם, וואָס אותיות הנגינה באַדאַרפען פועל זיין. דאַגעגען אַז מען לערנט ניט קיין חסידות האָט מען אפי' קיין האָפנונג ניט, אַז די אותיות הנגינה וועלען פועל'ן, — מכל מקום אַ התעוררות־ניגון און אַ תשובה ניגון קענען און זיינען פועל אויף אַלעמען און אַלעמאָל.

נה. משיחות ליל א' דחגה"ש תש"ג.

אַמאָל האָט מען די ניגונים גערופען מיט נע־מען: דער תשובה ניגון, אהבת רעים ניגון, יחידות [45א] ניגון, — אַמאָל פלעגט מען דאָס רופען יחידות ניגון און אַמאָל מחול ניגון [45].

41) ראה לעיל אות כ"ח, מ"ב.
42) אדמו"ר מוהר"ש, שכ"ק אדמו"ר שליט"א הוא נכדו.

43) ראה לעיל אות נ"ב.
44) ראה לעיל אות מ"ט.
45) כשהחסיד יצא מהיכל רבו אחר „יחידות" היו חבריו החסידים לוקחים אותו במחול ומרקדים ומנגנים עמו.

נו. מלוח „היום יום", תש"ג, יום י"ג סיון, ע' סא.

הצ"צ [4]) חבר כמה ניגונים. למודו הי' בקול וניגון, ולפעמים הי' מפסיק באמצע לימודו או כתיבתו דא"ח או שו"ת ומנגן איזה ניגון.

אאזמו"ר [6]) סיפר, אשר מקול ניגונו של הצ"צ הי' יודע במה הוא עסוק באותה שעה.

נז. שם, יום כ"ה תשרי, תש"ד, ע' צ"ט.

עשרה ניגונים [46]) — מהם תנועות בלבד — מיוחסים לרבנו הזקן שהוא בעצמו חברם.

הניגונים המיוחסים לרבינו האמצעי [1]), היינו שנתחברו בזמנו והיו מנגנים אותם לפניו, אבל לא שהוא מחברם, והיתה אצלו, קבוצת אברכים מנגנים — ידועה בשם „דעם מיטעלען רבי'נס קאפעליע" — ונחלקה לשתי פלוגות: בעלי שיר — בפה, ובעלי זמרה — בכלים שונים.

נח. משיחת ליל ב' דחגה"ס תש"ד.

הוד כ"ק אאמו"ר [6]) אמר פעם לא' שהי' שר ניגון בקול רם בעת התועדות:

עס דארף זיין קול דממה דקה; אז עס איז דממה'דיג איז במילא דקה...

בשנת תרע"ב פורים אין מענטאן האט כ"ק אאמו"ר דערציילט, אז אמאל בעת א פארברייגגען האט דער טאטע [6]) געזאגט אז עס איז דא ג' מיני ניגונים: א חזנ'ישער ניגון, א ניגון פון דאוונען און א חסידישער ניגון. וועגען א חזנ'ישען ניגון וועגען דעם רעדט מען ניט...

דער חילוק פון א ניגון פון דאוונען ביז א חסי־דישען ניגון איז: א ניגון פון דאוונען איז בא מתוך הכוונה, — א חסידישער ניגון מאכט אויף כוונה, — א התעוררות בלב.

נט. משיחת יום ב' דחגה"פ תש"ד.

דער רבי הצמח צדק [4]), איז געווען א גע־בוירענער בעל כשרונות, — האט ער געארבעט אויף מבטל זיין ביי זיך דעם חוש הנגינה [47]), ווייל קליינערהייד איז ער געווען א גרויסער בעל מנגן. ווען ער האט געהערט א תנועה האט ער דאס גענו־מען אין רגעים און אין א פנימית. אין חכמת הנגינה איז אויך דא דער ענין פון „שיר", שרייבען שירים, וואס אמאל מאכט מען א שיר לפי אופן הנגינה און אמאל מאכט מען א ניגון לפי אופן השיר, איז דער רבי הצ"צ געווען א גרויסער בעל כשרון אין דעם אויך.

די אנדערע זאך איז געווען ביי איהם, דער חוש ההסתכלות אין הדרת הטבע, וואס מיט דעם חוש האט ער זיך געבארעט — געקעמפט — א משך זמן צו אויסווארצלען פון זיך.

אויף דעם חוש הנגינה האט דער צ"צ שפעטער חרטה געהאט, וואס ער האט דאס מבטל געווען ביי זיך.

די מעשה איז געווען אזוי:

אמאל זיינען געקומען א קבוצה פון חסידים און האבען געמאנט ביים רבין [2]), מיר פארשטעהען ניט דעם תניא.

אדמו"ר הצ"צ — מספר המעשה — התבטא בהמשך סיפורו: איך האב נישט פארשטאנען וואס איז דא די קשיא, נאר דער רבי [2]) האט זיי גע־ענטפערט:

א האלבע זאך נעמט מען ניט, צו פארשטעהן תניא דארף מען האבען נגינה.

אז איך האב דאס געהערט — המשיך הצ"צ — האב איך חרטה געהאט, פארוואס איך האב מבטל געווען ביי מיר דעם חוש הנגינה. פון דענסטמאל אן האט דער רבי [2]) איינגעפירט דעם ענין נגינה ביי חסידים.

וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א: כמה ניגונים נשכחו, אבער די וואס מ'געדיינקט האט מען גע־דארפט מתקן זיין פון שגיאות און טעותים. פאר־ריכטען דארף מען ניט, פאראן אזעלכע וואס זאגען, אז לפי חוקי הנגינה קומט אויס אזוי אדער אזוי... פארריכטען דארף מען ניט. מען דארף מקבל זיין, ניט פארריכטען, אבער פון שגיאות און טעותים דארף מען מתקן זיין.

ס. שם.

דער רבי הצמח צדק האט געזאגט: כהנים איז ברעותא דלבא ולוים לארמאה קלא [48]). לעתיד לבוא וועט דאך זיין — והכהנים הלוים [49]), אז די מדריגה פון כהנים און לוים וועלען זיין בהתערבות, דאס הייסט, אז דער רעותא דלבא וועט זיין אין דעם לארמאה קלא און דער לארמאה קלא וועט מעורר זיין דעם רעותא דליבא.

דער זיידע [50]) האט ניט געוואלט, אז חסי־דים זאלען זיין א מפלגה, נאר א דרך פאר אלע אי־דען, האט ער זיי געוואלט צוגרייטען צום גילוי פון לעתיד, דערפאר האט ער מתקן געווען דעם ענין הנגינה, אז עס זאל זיין צוזאמען דער לארמאה קלא

---

46) ראה לעיל אות ב', ח'.

47) כנראה שלא לבטלו מהתמדתו בלימוד.

48) ראה בזהר ח"ב רנ"ט ע"ב, ח"ג ל"ט ע"ב, קע"ז ע"ב.

49) עי' בתניא פ"נ עפ"י לקוטי תורה מהאריז"ל.

50) אדמו"ר הזקן.

מיט'ן דעותא דליבא. וואס איז פאראן אין א פייער־דיגען ברענענדיגען חסידישען ניגון.

סא. שם.

אין אומן בלא כלים. כלי אומנות פון חסידות האט מען גרעכענט 3 זאכען: מתינות, דעת און העמקה והרגשה. אמאל האט מען מצרף געווען אויך נגינה.

סב. משיחת ליל שש"פ תש"ד.

דער טעם, פארוואס דער אלטער רבי [2] האט ניט אריינגעשטעלט „זמירות" אין סידור [51], האט דער צמח צדק געזאגט, ווייל ער [3] האט גערעכענט, אז מען וועט רעדען חסידות ביים טיש, און דער זיידע מהר"ש [5] האט געזאגט, ווייל מ'וועט זאגען א ניגון און דער טאטע [6] האט מתווך געווען די ביידע ענינים.

...בשנת תרע"ט — באחת מסעודות שבת — דיבר הוד כ"ק אאמו"ר [6] מענין הניגון, שהוא ע"ד קול מעורר הכוונה [52]. כוונה הו"ע התורה. דארף דאך זיין די כוונה, נאר דער קול איז מעורר הכוונה, ניט אז דער קול מאכט די כוונה. נאר דער ניגון ברייגנט אריין די חסידות אין הארצען.

א אנדער מאל האט דער טאטע [6] געזאגט: אז מען זינגט א ניגון אהן גרייזען בדיוק, איז דער ניגון אליין רעדט.

סג. שם.

ביים זיידען מהר"ש [5] היו ניגונים מיוחדים לכל דבר [53], כשהי' מחליף מבגדי חול לבגדי שבת או מבגדי שבת לבגדי חול, לכל אחד הי' ניגון מיוחד, והניגון הי' מב' תנועות. כשהי' נכנס לראות הדלקת הנרות ערב ש"ק מהרבנית הי' ג"כ בניגון.

וכן אאמו"ר [6] כשהי' מחליף די זיידענע הי־טעל [54] אויף די קיילעכדיגע היטעל [55] בערב ש"ק הי' מנגן אז ניגון מיוחד.

סד. משיחת ליל אחרון ש"פ תש"ד.

ניגנו הניגון הידוע של ר' מיכל'ע מזלאטשוב [56] שהי' מנגנו לפני הבעש"ט נ"ע [57] וציוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגנו עוד הפעם ואח"כ אמר:

איתא [58], אמר דוד לפני הקב"ה, אגורה באהלך עולמים, יאמרו בשמי שירים ותשבחות ויהי' שפתותי דובבות בקבר.

עס איז דא א הפרש בין דיבור לניגון. דיבור איז משרת צו מוחין ומדות ובכלל צו כחות און ניגון איז משרת צו מחשבה און מחשבת השכל, ד. ה. דער נפש. בכלל איז דיבור א גילוי פון רצון און ניגון איז א גילוי פון עונג [59].

הגם עס איז ניט מוחלט אין חסידות, וואס עס איז העכער, צי רצון איז מכריח עונג, אדער עונג איז מכריח רצון, אבער אין השערה פון נפש הערט זיך אז עונג איז העכער. רצון שטייט אין גר"ן און עונג אין חי' יחידה, — ממילא איז מובן, אז אין דעם ענין שפתותיו דובבות בקבר איז דאס אין ניגון מעהר ווי אין דיבור.

מען האט יעצט געזונגען דעם ניגון, קען מען זיך מתדבק זיין צו ביידען: ר' מיכל'ע זלאטשע־ווער און דער בעש"ט נ"ע, — נאר מ'דארף דערצו האבען דעם כח צו קענען זיך מתדבק זיין.

סה. משיחת ל"ג בעומר תש"ד.

אין ליובאוויטש זיינען געווען חסידים, וועל־כע האבען אלע מאל געבראכט נייע ניגונים. בתחלה הי' ר' איסר יאנאווסקי, אח"כ ר' מענדעל יאנאוו־סקי; ר' אהרן ור' משה חאריטאנאוו היו מחברים ניגונים בעצמם.

סו. שם.

פ"א אמר הוד כ"ק אאמו"ר [6]: בד"כ ניגון איז המשכת המוחין במדות והעלאת המדות במוחין [60].

סז. שם.

עס איז פאראן הויך בגשמיות און הויך ברוח־ניות. הויך בגשמיות מיינט, אז מ'שטעלט זיך א ארשין [61] העכער איז מען העכער.

אין ניגון איז אויך דא הויך גשמי און הויך רוחני, וואס דאס איז בכלל דער הפרש פון ניגונים דעלמא ביז ניגוני חב"ד. ניגון דעלמא מיינט העכער, א הויכער קול, ווי עס איז דא די כללים אין נגינה, אבער דאס איז העכער בגשמיות.

א חסידישער ניגון מיינט העכער, ניט א הע־כערען קול, וואס מ'שרייט אויס העכער דעם קול, נאר — טיפער, ברייטער, עמקות'דיגער.

סח. משיחת יום א' דחגה"ש תש"ד.

כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר לא' מהמסובים שינגן א „מתן תורה ניגון", עס זאל זיך ארויסזאגען וואס מ'האט געגעבען און מ'האט גענומען.

---

51) סידור נוסח התפלה שתיקן אדמו"ר הזקן.
52) ראה לעיל אות ד', כ"ח.
53) ראה לעיל אות ט'.
54) כובע של ימות החול.
55) כובע — שטריימיל — של שבת וי"ט.
56) ניגון (כב) שבספרנו וראה שם בהמפתח ניגונים.
57) ראה לעיל אות ט"ו, כ"ז.
58) ירושלמי ברכות פ"ב ה"א ומדרש תהלים פ"א בשינוי לשון קצת.

59) ראה לעיל אות מ"ט, נ"ג.
60) ענינם מבואר בתורת חב"ד.
61) שם של מדה במדינת רוסי'.

שבועות איז דאָך מתן תורתנו און קבלת התורה, ביידע ענינים. איז אויב מ'קען ניט אַליין דערציילען דאָס וואָס מ'האָט געגעבען און וואָס מ'האָט גענומען, — זאָל עס דער ניגון דערציילען...

סט. שם.

קול מעורר הכוונה[62] שטייט ביי תפלה, וואָס קודם התפלה איז די התבוננות אין השגה און הבנה בהתרחבות באריכות ובכל הפרטים, אבער בעת התפלה איז די התבוננות נאָר אין דעם בכן פון די השגה און הבנה פון די התבוננות קודם התפלה.

אָבער עס קען זיין אַז ער זאָל אַרויסנעמען און פאַרשטעהן דעם בכן פון די השגה און עס פעהלט דער געשמאַק פון די השגה אלקית. דאָס איז דער קול מעורר הכוונה, עס רופט אַרויס דעם געשמאַק, קול איז ניט מחדש השגות, אויך ניט מרחיב אין הבנה, נאָר עס רופט אַרויס דעם געשמאַק און דאָס איז דער לשון וואָס דער רבי[7] זאָגט אויף קול, שאינו אלא כמזכיר, עס דערמאָנט און רופט אַרויס דעם געשמאַק, — דאַרף מען זינגען אַזאַ ניגון, עס זאָל אַרויסרופען דעם געשמאַק.

ע. משיחת יום א' דחגה"ס תש"ה.

כ"ק אדמו"ר שליט"א ציוה לקבוצת המנגנים לנגן, באמרו: „ניחוח"[63] זאָל אַרבעטען... ושרו ניגונים רציניים ואמר כ"ק אדמו"ר שליט"א: עס איז זיך דאָך מתקרב דער זמן פון שמחת בית השואבה, דאַרף מען זינגען אַ פרעהליכען ניגון.

עא. משיחת יום שמיני עצרת תש"ה.

ניגון פאַרנעמט זעהר אַ חשובען אָרט אין חסידות. אויף אַזוי פיל, אַז דער מיטעלער רבי[7] האָט געהאַט אַ „קאַפּעליע".

ניגון איז דיבור[64], אין דיבור גופא איז דאָס דבור פנימי וההפרש בין דבור לנגון הוא כמו ע"ד אותיות הכתב וציור.

אותיות הכתב מובנים דוקא למי שיודע ומבין אותם, און אויב ער פאַרשטייט ניט האָט ער גאָר ניט, אבל ציור זעהען אַלע.

וכמו"כ יש מעלה באותיות לגבי ציור, שבאותיות גם אם הם שלא בסדרן יכול להיות העניין של נוטריקון וצירופים ע"ד ע' פנים לתורה, משא"כ בציור, אם מהפכים הציור אז הוא לא כלום.

נאָר דער ניגון דאַרף דערנעמען, הגם ס'זיינען דאָ ניגונים וואָס זיינען ניט מתאימים לכללי החזנות, מ"מ ווען דער ניגון דערנעמט איהם איז דאָס גוט...

עב. משיחת שמח"ת תש"ה.

די עבודה פון היינטיגען טאָג — שמח"ת — איז זינגען און טאַנצען.

דער ענין פון זינגען ביום שמחת תורה איז, אַז דער מענטש זאָל וויסען, אַז ער דאַרף ווערען הע־כער, אפילו די „גוטינקע", די גאָר גוטינקע דאַרפען אויך ווערען העכער...

עג. משיחת שביעי של פסח תש"ה.

...זיעה של מצוה, וע"ד דער טאַנץ אין שמחת יו"ט, מ'מיינט ניט די שמחת יו"ט אַליין כמבו' בשו"ע, נאָר דער טאַנץ אין שמחת יו"ט.

וכמו שאמר הר' אייזיל מהאָמליע[19]: איך, האָב זיך אויסגעלעבט אין השגה, ר' הלל[24] האָט זיך אויסגעלעבט אין אַ ניגון, אין אַ טאַנץ.

כידוע שר' הלל[24] חיבר ניגונים, ושרו אותם לפני אמירת מאמר חסידות, ג'־ה' פעמים כל ניגון ולעת זקנותו שהי' חלש ולא הי' בכחו לרקוד אמר ר' הלל לנכדו: פיניע, טאַנץ דו פאַר מיר...

וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א: עס איז פאַראַן לעבען און „אויסלעבען" זיך..

עד. משיחת י"ב תמוז תש"ה.

דאַוונען מיינט ניט זינגען, דאַוונען מיינט ניט וויינען; אין דאַוונען דאַרף מען זינגען אַ ניגון, אין דאַוונען דאַרף מען וויינען...

מ'האָט אַמאָל געזאָגט, קול מעורר הכוונה[62], איז דער פי', אַז כוונה איז מעורר דעם קול.

כפי הכוונה בתפלה, אַזאַ קול איז דאָ, אַזאַ ניגון זינגט זיך איהם...

עה. משיחת ליל א' דחגה"ס תש"ו.

כ"ק אדמו"ר שליט"א ציוה לנגן ואמר:

אַ פנימיותדיגען ניגון; עס זאָל דורכנעמען די פנימיות, עס באַדאַרף ניט ניכר זיין אין די חיצוניות, עס דאַרף דערנעמען די פנימיות. אין חיצוניות באַ־דאַרף ניט ניכר זיין.

עו. משיחת יום א' דחגה"ס תש"ו.

דער פעטער רז"א[27] נ"ע האָט געפרעגט באַ הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק[9] שמח"ת תרנ"ג:

פאַרוואָס איז זינגען אין דאַוונען איינער פון די דרכי החסידות.

הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק[9] האָט געענטפערט: זינגען איז אַ מעמד הנפש וואָס ווערט אַרויסגע־זאָגט אין דעם ניגון. פאַראַן אַ ניגון וואָס קומט פון

---

62) ראה לעיל אות ד', כ"ח, ס"ב.

63) שם חברת המנגנים אצל אדמו"ר שליט"א מליובאַ־וויטש. „ניחוח" — ר"ת: ניגוני חסידי חב"ד.

64) ראה לעיל אות י"ח, ס"ד.

די געגועים וואָס דער מנגן איז זיך מתגעגע, פאַראַן האָפנונגס ניגונים און עס זיינען פאַראַן התמרמרות ניגונים, און אַזוי זיינען פאַרשידענאַרטיגע ניגונים, וואָס זיינען מתאר דעם מעמד הנפש פון דעם מנגן.

חסידים זינגען אין דאַווענען, ווייל קול מעורר הכוונה[65]. בכדי צו פאַרשטיין אַ ענין פנימי באַדאַרף מען זינגען, און אַז באַ אַ חסיד לייגט זיך אַפּ אַ ענין אין דאַווענען זינגט זיך.

עז. משיחת יום ג' דחגה"ס תש"ו.

באַ חסידים, איז ניגון ניט נאָר אַ מגלה דעם מהלך הנפש פון דעם זינגער, נאָר איז אויך מעורר דעם זינגער אויף דער עבודה וואָס ער באַדאַרף האַלטען...

עח. שם.

הוד כ"ק אאמו"ר[6] האָט אַמאָל געזאָגט:

קול מעורר הכוונה.[66] דעם אַלטען רבי'נס[6] חסידים, דעם מיטעלען רבי'ן'ס[6] און זיידענס[6] חסידים, האָבען אויף יעדער ענין פון עבודת החסידות והחסידים געהאַט אַ ניגון מיוחד, אַ התעוררות ניגון פאַר חסידות און נאָך חסידות הערען, פאַר יחידות[12א] און נאָך יחידות...

אין דעם ניגון וואָס חסידים האָבען געזונגען פאַר יחידות האָט זיך געהערט מיט וואָס פאַר אַ געמיט און האָפנונג מען גייט אויף יחידות, און אין דעם נאָך יחידות ניגון האָט זיך געהערט דער שמחת הנפש וואָס דער חסיד האָט פון די הוראות פון יחידות, וואָס וועלען איהם ברענגען אַ פעולה אין עבודה.

עט. משיחת ליל ש"ק נח תש"ו.

החסיד ר' גרשון דוב[67] סיפר, ששמע מהחסידים הראשונים של אדמו"ר הזקן, שנתקרבו לחסידות ע"י התפלה בנגינה, די חסידישע ניגונים האָט אויף זיי געפועל'ט, וסיים הרג"ד: הנני מתמרמר על זה שאינני מנגן והנני חושב זה לעונש.

פ. שם.

כ"ק אאמו"ר הרה"ק[6] האָט געזאָגט: צו יעדער שלאָס איז פאַראַן זיין באַזונדער מפתח, אָבער ביי אַ אומן איז דאָ אַזאַ כללותדיגער מפתח מיט וועלכען מ'קען עפענען אַלע שלעסער, און דאָס איז דער ענין פון נגינה...

פא. שם.

אצל כ"ק אאמו"ר הרה"ק[6] קרה, שבאמצע כתיבת דא"ח[68] שהי' כותב כשהוא לבוש רק בכפה — יאַרמולקע — הי' מפסיק, מניח מטפחת על הכתב, לובש הכובע ומנגן[69] בדביקות. ופ"א אמר: דאָס איז צוליב דעם „אָפּלייג" פון ענין.

פב. משיחת י"ט כסלו תש"ו.

מ'האָט אַמאָל געפרעגט ביים אַלטען רבין[6], פאַר וואָס חסידים זינגען ביים דאַווענען וענה: ביים דאַווענען דאַרף זיין עס זאָל „דערנעמען", ער זאָל נתעורר ווערען און אַז עס דערנעמט זינגט זיך.

וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א: מען דאַרף זינגען אַ ניגון עס זאָל „דערנעמען". ביי אַ ניגון דאַרף מען ניט שרייען, דאָס איז אַ קול כסיל, נאָר זינגען אַ פנימיותדיגען ניגון, אַז עס זאָל דערנעמען.

פג. משיחת פורים תש"ו.

דער אַלטער רבי[6] צוריק קומענדיג פון מעזריטש קיין וויטעבסק, וועלענדיג נעמען די לומדישע יונגעלייט האָט ער פאַר זיי געזונגען אַ ניגון. כידוע אַז דער אַלטער רבי האָט געהאַט צען ניגונים[70], און מיט דעם ניגון וואָס ער האָט פאַר זיי געזונגען זיינען זיי געקומען צו דביקות און זיינען אויסגעגאַנגען אַזוי ווי אַ ליכט, און דאַן האָט ביי זיי מאיר געווען דער אור התורה, און עס איז ביי זיי פאַרענטפערט געוואָרען אַלע שאלות וקושיות...

פד. משיחת סדר ראשון של חגה"פ תש"ו.

ווען דער אַלטער רבי[6] איז געקומען דעם ערשטען מאָל פון מעזריטש אין וויטעפסק מקום מגורו, איז געווען — ותהום כל העיר. אַז מען האָט אים געפרעגט, וואָס האָט ער גענומען אין מעזריטש, האָט דער אַלטער רבי געענטפערט, אַז אין מעזריטש האָט ער זיך דערוואוסט דריי זאַכען: וואָס דער אויבערשטער איז, וואָס אידען זיינען, ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד און — וואָס אַ ניגון איז. דעם ערשטען פסח קומענדיג פון מעזריטש, באַ דעם צווייטען סדר, האָט ער זעהר פיל געזונגען.

ניגנו איזה ניגונים חבדיים מקובלים ואמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:

אין די ניגונים שפיגעלט זיך אָפּ דער חסידישער „אני".

פה. משיחת יום א' חגה"פ תש"ו.

...וועלענדיג מקרב זיין אויך די פשוטע אידען

65) ראה לעיל אות ד', כ"ח, ס"ב, ס"ט.
66) ראה לעיל אות ד', כ"ח, ס"ב, ס"ט, ע"ה.
67) הרה"ח ר' גרשון דוב מעיר פאהאר, מצעירי חסידי אדמו"ר הצ"צ, אח"כ ממקושרי אדמו"ר מוהרי"ש ואדמו"ר הרש"ב.

68) דא"ח ר"ת: דברי אלקים חיים, אשר בשם זה נק' תורת החב"ד.
69) ראה לעיל אות נ"ו.
70) ראה לעיל אות ב', ח', נ"ד.

אוצר החכמה

האט דער אַלטער רבי [2]) ממציא געווען דעם ענין פון ניגון, וואָס דורך ניגונים וועט ביי זיי נתגלה ווערען שרש נשמתם [71]). דער אַלטער רבי איז דאָך געווען מדריגת חכמה דאצילות, האָט ער מחבר געווען די עשרת הניגונים [72]), וואָס זיינען מסודר עפ"י חכ' דאצילות.

דעם ערשטען פסח וואָס דער אַלטער רבי איז געקומען פון מעזריטש, בעת דעם צווייטען סדר, זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע לומדים און גאונים פון שטאָט, האָט דאמאָלסט דער אַלטער רבי געזונגען ניגונים, וואָס דורך די ניגונים האָט ביי יעדערען געלויכטען זיין שרש נשמה.

וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א: אָט דאָס איז אַ חסידישער ניגון, וואָס ער דאַרף מעורר זיין דעם גילוי הנשמה.

פו. משיחת שבת חוהמ"פ תש"ו.

דער עיקר פון חסידות איז צו „דערהערען" דעם ענין. דערהערען וועפיעל חיות עס ליגט אין אַ חסידישען ניגון, וויפיעל חיות עס ליגט אין אַ חסידישען וואָרט.

פז. משיחת ליל שש"פ תש"ו.

איך האָב געהערט פון טאַטען [6]), וואָס ער האָט געהערט פון זיידען [5]), בשם הצ"צ [4]), אַז דער אַלטער רבי [2]) האָט געזאָגט לנכדו הרב"ש [25]): דו האָסט מיך מחי' געווען, מיט דעם וואָס דו האָסט זיך איינגעהערט צו די טעמי הנגינה און האָסט זיי איינגעחזר'ט.

— דער אַלטער רבי האָט געהאַט באַזונדערע טעמי הנגינה צו יעדען טייל פון קרה"ת [73]), עס איז ניט געווען גלייך די טעמי הנגינה פון גאַנץ תורה צו די טעמי הנגינה פון אז ישיר, און די טעמי הנגינה פון עשרת הדברות אין יתרו איז ניט געווען גלייך צו די טעמי הנגינה פון עשרת הדברות אין משנה תורה. —

דער למען תספר באזני בנך ובן בנך — האָט דער אַלטער רבי ווייטער געזאָגט צו רב"ש — מיינט מען ניט נאָר אַ אייניקעל, נאָר עד סוף כל הדורות, נאָר בע"פ קען מען דאָך ניט איבערגעבען נאָר צו אַ אייניקעל, אָדער אַ אוראייניקעל, וואָלט איך זעהר וועלען, אַז די ניגונים וואָס דו האָסט געהערט פון מיר, וואָס דאָס איז ווי מלכות דאצילות זינגט, זאָל מען זינגען עד סוף כל הדורות.

נאָך אַזוי פיעל יסורים און מנגדים וואָס דער אַלטער רבי האָט געהאַט, וואָס די מנגדים אין עוה"ז זיינען ניט בערך צו די מנגדים וואָס ער האָט געהאַט מצד שרשי הקליפות, וואָלט ער וועלען, אַז די אַלע כוונות וואָס ער [74]) האָט מכוון געווען, און די ניגונים וועלכע ער האָט מסדר געווען, זאָל מען זיי זינגען עד סוף כל הדורות, און וואו אַ איד וועט זיך געפינען און באַ וועלכען מצב ער וועט זיך געפינען וועט דער ניגון איהם מעורר זיין צו תשובה...

פח. שם.

דער רבי הצמח צדק [4]) פלעגט בחיי דעם אַלטען רבין [2]), בחיי דעם מיטעלען רבין [3]), און אויך בעת נשיאותו פאַרברייננגען מיט חסידים.

דער סדר פון דעם פאַרברייננגען איז געווען, אַז ער פלעגט אָנהויבען מיט אַ סיפור און נאָכדעם פלעגט ער מבאר זיין דעם בכן, ווי דאָס דאַרף פועל'ן אין כחות חב"ד, חג"ת, נה"י [75]), און קבלת עול מלכות שמים דאַרף מען אַליין קריגען.

דער צמח צדק האָט געזאָגט, אַז אַ סיפור דאַרף פועל'ן בעניגים הנ"ל, און אויב דאָס פועל'ט ניט איז דאָס מסבת א' מג' טעמים: א) ווייל דער שומע פאַרשטייט ניט, ב) ער וויל ניט פאַרשטעהן, והג) ווייל דער מקבל איז אַ כלי מאוסה. דער זיידע — געמיינט אדמו"ר הזקן — איז דאָך געווען אַ טוב עין, האָט ער געגעבען אַ כח אויסצואוואַשען די כלי מאוסה, און דאָס איז דורך — אַ ניגון.

פט. משיחות ליל א' דחגה"ש תש"ו.

הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק [8]) סיפר, אַז ווען מען האָט דעם רבין [2]) אדמו"ר הזקן — מגלה געווען אין מעזריטש, ווער ער איז, האָט ער אָנגעהויבען טאָן, און האָט זיך מתגלה געווען אין נגינה.

הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק האָט דאַן געזאָגט, אַז עס איז דאָ ג' אופנים אין ניגונים: אַ ניגון וואָס מען זינגט אין דאַוונען, אַ ניגון וואָס מאַכט דאַוונען און אַ ניגון וואָס מאַכט אַ דאַוונער.

צ. יום א' דחגה"ש תש"ו.

דער אַלטער רבי, [2]) נאָך פאַר מעזריטש, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער אינגעל איז ער געווען אַ גרויסער מנגן. ער פלעגט זינגען די ניגונים וועלכע ער פלעגט הערען פון די אורחים, עוברים ושבים, וועלכע פלעגען אַריינקומען צו זיין טאַטען ר' ברוך, וואָס זיי זיינען געווען די צדיקים נסתרים, שלוחים פון בעל שם טוב...

---

71) עי' לעיל אות נ"ג.
72) ראה לעיל אות ב', ח, נ"ז.
73) ראה בלקו"ד כ"ה שבט תרצ"ו ומובא לקמן בהמפתח ניגונים בההקדמה לטעמי הנגינה.
74) אדמו"ר הזקן.
75) חב"ד חג"ת נה"י, הם הספירות למעלה ודוגמתם בנפש האדם ועי' בס' התניא פ"ג, אגה"ק סט"ו.

אוצר החכמה

דער אַלטער רבי קליינערהייט האָט זעהר ליב געהאַט פעלד. ווען ער פלעגט אַרויסגעהן פון „חדר" וואו ער האָט געלערענט, פלעגט ער ניט געהן אַהיים, נאָר פלעגט אַוועקגעהן אין פעלד און דאָרטען פלעגט ער ווייטער לערנען...

זייענדיג אין פעלד פלעגט ער זיך אָפט אויסזינגען. עס איז דאָ זינגען, און אויסזינגען זיך, דער אַלטער רבי האָט געזאָגט, אַז פנימיות הנפש קען זיך אויסזינגען אין אַ ניגון.

אין יאָהר תרנ"ד, ביי אַ פאַרברייינגען, האָט הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק [76] געזאָגט, אַז עס איז הונדערט יאָהר, זינט דער אַלטער רבי האָט געזאָגט דעם וואָרט: אַ ניגון קען אַרויסשלעפען פון די טיפסטע בלאָטע.

צא. משיחות י"ב תמוז תש"ז.

אין סדר השתלשלות החסידות — מעת שנתיסדה ע"י אדמו"ר הזקן — פאַרנעמט נגינה זעהר אַ חשובן אָרט. ווען דער אַלטער רבי [77] איז געקומען דאָס ערשטע מאָל פון מעזריטש האָט ער גלייך אָנגעפאַנגען מיט ניגונים. דער אַלטער רבי איז געווען אַ מנגן נפלא, ניט נאָר וואָס ער האָט געוואוסט די כללי הנגינה, נאָר ער האָט אויך געוואוסט דעם „ענין" פון נגינה.

צב. שם.

ווען דער רבי הצמח צדק [78] איז נאָך געווען אַ קינד האָט ער געפרעגט זיין זיידען — אדמו"ר הזקן, וואָס איז אַ איד? והשיב לו אדמו"ר הזקן: אַ איד איז, וואָס קען מגלה זיין, זיין שרש הנשמה.

...דער ענין פון עבודת החסידות איז קענען זיך, און טאָן מיט זיך. ניט נאָר קונה זיין מדות טובות, וואָס מדות טובות מיינט ניט נאָר מדות טובות ווי עפ"י דיני התורה, נאָר מדות טובות ווי ע"פ חסידות, דאָס איז טאַקע גאַנץ גוט, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַ חסיד, — עבודה פון אַ חסיד איז קענען „זיך" און דאָס איז — דורך אַ ניגון. אַ ניגון ווייזט איהם וואו ער איז, ווי ער דאַרף זיין און וואו ער קען זיין, וואָס דאָס איז ע"י התגלות העצם, שזהו ע"י נגינה. א ניגון איז התגלות העצם [79] — עצם הנשמה, — ניגון איז א פתח ושער וואָס עי"ז קען מען צוקומען צו דעם וואו מ'באַדאַרף זיין. נגינה מיינט ניט נאָר זינגען, נגינה מיינט „אויסזינגען זיך", וואָס די התגלות העצם זינגט זיך אויס אין אַ ניגון.

אין נגינה איז פאַראַן ניגונים של שמחה און ניגונים של מרירות, וואָס די ביידע, שמחה און מרירות, האָבען זייערע זמנים ידועים וקבועים, יעדע אין זיין צייט, נאָר בכלל איז דער ענין פון נגינה — התגלות העצם.

צג. שם.

ווען מען וואָלט געוואוסט די דרכי החסידים, וואָלט מען געוואוסט, אַז אַ ניגון דאַרף מען ניט זינגען געאיילט. אַ ניגון מיינט ניט הויך געשריען, אַ ניגון דאָס איז חיות. אַמאָליגע חסידים באַ אַ פאַרברייינגען, אַ התועדות, פלעגען זינגען אַ ניגון, האָט דאָס זיי אינגאַנצען גענומען. נאָכדעם איז מען געגאַנגען אַ טאַנץ, ניט סתם אַ טאַנץ, נאָר אַ מוחין'דיקער טאַנץ מיט אַלע כחות הנפש, די פיס האָבען זיך אַליין געהויבען. ניגון איז א הכנה צו עבודה, דאָס איז נאָך ניט עבודה, נאָר אַ הכנה צו אמת'ר עבודה.

צד. משיחות ש"ק בראשית תש"ז.

מען האָט געדאַרפט איינחזרן די אַלטע ניגונים. יעדער ניגון דערמאַנט זכרונות, יעדער ניגון איז מיוסד. יעדער ניגון איז יקר, לבד וואָס זיי דערמאָנען זכרונות, איז יעדער ניגון יקר מצד עצמו און בפרט פאַר די וואָס טוען אין עבודת התפלה.

צה. משיחות ל"ג בעומר תש"ז.

כ"ק אדמו"ר שליט"א ציוה לנגן את הניגון של ד' בבות [80] מאדמו"ר הזקן ואח"כ אמר:

דעם אַלטען רבינ'ס ניגון איז „יחידות" [80א], נאָך יחידות דאַרף מען מען נעמען אַ ביסעל משקה און זינגען אַ פרעהליכען ניגון.

צו. משיחות ליל א' דחגה"ש תש"ז.

אין ניגון איז דאָ דריי בבות. דער ניגון פאַרן דאַווענען, דער ניגון אין דאַווענען און דער ניגון נאָכן דאַווענען. דאָס איז אַלץ איין און דער זעלבער ניגון. דאָס זיינען די געגועים פאַרן דאַווענען, די געגועים אין דאַווענען און די געגועים נאָכן דאַווענען.

צז. מלקוטי דיבורים י"ב תמוז, ה' תש"ז, אות ה.

באַ אַ חסידישען פאַרברייינגען פלעגט מען זיך ווינשען, מען זאָל האָבען אַזאַ געשמאַק אין אַ מאמר חסידות, ווי אין אַ תנועה פון אַ חסידישען ניגון, וואָס איז נוקב ויורד און נעמט דורך.

צח. שם, אות כ"ד.

אַז מען זינגט דעם רבי'נס [81] ניגון — הניגון של ד' בבות [82] — איז דאָס מעורר למעלה די התגלות הנשמה פון רבין [83], ווי מיר האָבען זוכה

76) ראה לעיל אות נ"ג, פ"ה.

געוועז הערען מהוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק [76], אז ווען הוד כ״ק אאזמו״ר הצ״צ [1] האָט געזונגען אין אַ מסבת חסידים דעם רבין׳ס ניגון, האָט זיך יעדע־רער פון די חסידים המסובים אַרומגעקוקט, אויב דער רבי [7] שטעהט ביי זיין זייט.

צט. משיחת י״ט כסלו תש״ח.

ניגון איז העכער פון דיבור [77], אין ניגון זאָגט זיך אַרויס די עצמיות, און דאַמאָלט דערהערט מען די פנימיות ועצמיות פון דיבור.

דאָס האָט מען אַמאָל גערעדט [78], איז דער טעם וואָס חסידים זינגען אין דאַווענען. עס איז דאַ אַ ניגון פאַרן דאַווענען און אַ ניגון אין דאַווענען. דער ניגון פאַרן דאַווענען דאָס איז אַ הכנה אַרויסצושלאָ־גען דאָס, וואָס עס דאַרף ניט זיין אין דאַווענען.

מען דאַרף זאָגען אַ ניגון, ניט בכדי עס זאָל דערנעמען יענעם, נאָר עס זאָל דערנעמען זיך אַליין.

אח״כ ציוה כ״ק אדמו״ר שליט״א לשור ניגון, ואמר: מ׳דאַרף זינגען אַ פנימיות׳דיגען ניגון. חב״ד מאַנט אין אַלץ פנימיות, אַ טאַנץ — אַ פנימיות׳־דיגען, אַ ניגון — אַ פנימיות׳דיגען.

ק. משיחת פורים תש״ח.

כ״ק אדמו״ר שליט״א ביקש לנגן הניגון של ד׳ בבות [9] מאדמו״ר הזקן [1], ולפני זה בתור הכנה ינגנו ניגון [79] של כ״ק אאמו״ר הרה״ק [6].

קא. משיחת יום א׳ דחגה״פ תש״ח.

מען דאַרף זאָגען די ערשטע זאַך, דעם לשון הרב, דעריבער זאָל מען זאָגען דעם טאַטענס [6] אַ ניגון — וניגנו הניגון הידוע בשם: „דער ראָסטאָ־ווער ניגון [80]״, המיוחס לכ״ק אדמו״ר הרש״ב. —

אח״כ ביקש כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן את הניגון הידוע בשם: „דער בינוני״ [80] ולא יכלו המסו־בים לזכור על הניגון.

ואמר כ״ק אדמו״ר שליט״א: עס איז שווער צו זיין אַ בינוני [81], אָבער זינגען דעם „בינוני״ דאַרף ניט זיין שווער.

קב. מרשימות כ״ק אדמו״ר שליט״א, אדות שמעון המדקדק [82].

... [83] החסידים אוהבי נגינה המה ומנגנים ניגו־נים מיוחדים למקרים שונים, ניגוני תפלה וניגוני לימוד, ניגוני סעודה וניגוני התועדות. ועל הרוב הנה הניגונים מתאימים לאותם העניינים ועושים רושם על השומע, וביחוד השלשה ניגונים שעשו עלי [83] רושם אדיר והם: שיר ההתועדות, הנקרא בלשונם הניגון דאהבת אחים, שיר ההתבוננות ונקרא ניגון התשובה, שיר היחידות [84] ונקרא ניגון המקדש.

את הניגון דאהבת אחים, שמעתי ראשונה בעיר וויטעבסק והוא בחמש בבות, כולן כאלו מחבקות, מנשקות ומלפפות בנעימות עליזה ועליצות הנפש, מבבא לבבא מתרומם הגילה ואתה עמה התרגשות הנפש.

ניגון התשובה הוא של שלש בבות. בבא קמא הוא קול מעורר הפשטת הגשמי׳ והתרכזות המחשבה, בבא שני׳, קול מעורר במוסר כליות בהתמרמרות עצומה ובבא שלישית — קול מעורר חרטה, תחנוני רחמים, געגועי ניחום וקירוב בבקשה לבבית.

ניגון היחידות הוא של חמש בבות. שתי בבות ראשונות בקול מתון ממושך, מעוררות התבוננות והתעמקות. בבא שלישית ורביעית מביעה תודה ותקוה בקול רך ובטוח, ובבא החמישית מבעת אומץ הרוח בקול עליז ומתרגש המעורר תנועת רגל והגבהת הידים לפי דפיקות הרגלים, כפי תנועת הניגון [85].

---

77) ראה לעיל אות י״ח, ס״ד, ע״א.
78) ראה לעיל אות ע״י, פ״ב.
79) ניגון (מד) שבספרנו.
80) ניגון (מו) שבספרנו.

81) הכוונה על מדריגת הבינוני המבואר בס׳ התניא פ״ב ועוד.
82) שמעון המדקדק הי׳ א׳ מראשי ה„משכילים״ האדוקים, שנסע בשליחות מיוחדת למקומות החסידים והתחפש עצמו כאחד מהם, בכדי לחקור מעשיהם ומנהגיהם של החסידים והי׳ בזמן נשיאות אדמו״ר הצ״צ. ראה אודותו בלקו״ד חגה״פ תש״ג, ע׳ ע״ז.
83) המספר הוא שמעון המדקדק, בהדו״ח שמסר לפני חביריו המשכילים.
84) ראה לעיל ציון 12א).
85) ראה לעיל אות נ״ה.

# מפתח הניגונים

## מחלקה ראשונה

(א—יט)

כוללת ניגוני חב״ד מכוונים[1], שיצרו וחיברו הרבים נשיאי חב״ד בעצמם, והיו רגילים לשורר אותם בעת דביקותם בתפלה או בזמנים מיוחדים.

### עשרת הניגונים של כ״ק רבנו הגדול בעל התניא והשו״ע

מסורה בידי עדת חסידי חב״ד, אשר רבנו הגדול, או כפי שנקרא בפי החסידים: אדמו״ר הזקן, דער אַלטער רבי, — בעל התניא והשו״ע — חיבר בעצמו עשרה ניגונים[2]. הנגונים האלה מכוונים ומדויקים במאד ורומזים לענינים רמי המעלה, וסגולה מיוחדת להם להביא את האדם לידי התעוררות תשובה ודביקות הנשמה לאלקות. בין עשרת הניגונים האלה ישנם ניגונים קצרים, בני בבא או תנועה אחת לבד, אשר רבנו הגדול שר אותם בזמנים קבועים.

במשך הזמן הארוך, — מאה ושלשים וחמשה שנים, מעת הסתלקות רבנו הגדול, כ״ד טבת תקע״ג — נשכחו במקצת הניגונים, וקשה לברר ולעמוד על בורין ודיקנותן של כל התנועות מעשרת הנגונים האלה, ואמנם מה שידוע לנו בבירור הם הניגונים דלקמן: ניגון בן ד׳ בבות (א), א־לי אתה ואודך (ג), קול דודי דופק (ה), אבינו מלכנו (ו), דבקות חב״ד לתפלות ר״ה (ט). ושאר הניגונים, אעפ״י שמיוחסים לרבנו הגדול, אבל לא יכולנו לברר לע״ע, אם הם נכנסים לכלל עשרת הניגונים או שהם חוץ לכלל זה, ומטעם זה ספחנו למאסף זה עוד ניגון אחד (י״א), שמיחסים אותו ג״כ לרבנו הגדול.

#### ניגון א.

הניגון בן ארבע בבות לכ״ק רבנו הגדול נ״ע.

הניגון הזה ידוע בשם: דער „ניגון פון פיער פאַלען״, או: דעם „אַלטען רבין׳ס ניגון״, — והוא הניגון היסודי והראשי של חסידי חב״ד. יצרו וחיברו אדמו״ר הזקן בעל התניא ויש בו עמקות גדולה וכל תנועה ותנועה שבו מכוונת לענין רוחני נעלה. חסידי חב״ד זהירים לנגנו בדיקנות גדולה ורק במועדים וזמנים מוגבלים[3], כמו: ביום אחרון של הג׳ רגלים, פורים, י״ט כסלו, י״ב תמוז, שמחת חתונה וכדומה.

אוצר החכמה

בארוכה אדות הניגון הזה וביאורו, ראה מכתב כ״ק אדמו״ר שליט״א מליובאוויטש, הנדפס בקובץ „התמים״ חוברת חמישית, תרצ״ז, עמוד נח—ס״ח, והננו בזה להעתיק איזה קטעים ממכתב הנ״ל:

בשעה חצי החמישית בקר — בהתועדות כ׳ כסלו תרס״ג בליובאַוויטש — הואיל הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק — אדמו״ר הרש״ב נ״ע — לצוות לנגן את הניגון בן ד׳ בבות של הוד כ״ק רבינו הזקן, ויאמר:

„מען דאַרף זינגען דעם רבין׳ס[4] ניגון, וואָס איז ידוע מיט׳ן נאָמען, דער ניגון מיט די פיער פעהל״...

„דעם רבין׳ס ניגון איז מכוון נגד ד׳ עולמות: אצילות, בריאה, יצירה, עשי׳. יעדער פאַל פון די פיער פאַלען אין דעם ניגון איז מכוון נגד אַ באַזונ־דער עולם פון די ד׳ עולמות״.

„די ד׳ עולמות: אצילות, בריאה, יצירה, עשי׳ זיינען מכוון נגד די ד׳ אותיות פון שם הוי׳״...

„די ד׳ אותיות פון שם הוי׳ זיינען מאיר אין די פיער חלוקי דרגות: נפש, רוח, נשמה, חי׳, וועלכע זיינען פאַראַן אין דער נשמה ביי יעדער בן און בת ישראל״.

„דעם רבינ׳ס ניגון וואָס ער איז מכוון נגד ארבעה עולמות, אצילות, בריאה, יצירה, עשי׳, דאַרף מען איהם זינגען בדיוק גדול, וואָרום ער איז דאָך מכוון נגד ארבע אותיות פון שם הוי׳ און נגד ארבעה עולמות און איז נוגע אין אַלע פיער מדריגות, נפש, רוח, נשמה, חי׳ וואָס אין נשמה״.

„דער טאַטע — הוד כ״ק אדמו״ר מוהר״ש נ״ע — האָט מיר געזאָגט, אַז בא דעם זיידען — הוד כ״ק אדמו״ר הצ״צ — איז געוועזן חילוקי זמנים אין דעם נושא תוכן פנימי פון דעם רבינ׳ס ניגון מיט די פיער פעהל, אמאָל פלעגט דער זיידע זאָגען, עשי׳, יצירה, בריאה, אצילות. אַמאָל פלעגט דער זיידע

---

1) אדות ניגונים מכוונים ראה לקוטי רשימות אות מט, נד.

2) ראה לקוטי רשימות אות ח, נ״ז.

3) ראה לקוטי רשימות אות ח, ל.

4) אדמו״ר הזקן.

זאגן, יו״ד, ה״א, וא״ו, ה״א, און אמאל פלעגט דער זיידע זאגען נפש, רוח, נשמה, חי׳.״

„עס האט געטראפן אמאל וואס בשעת מ׳האט געזונגען דעם ניגון, האט דער זיידע געזאגט: ממלא כולא עלמין, ממלא כולא עלמין, סובב כל עלמין, עצמות אוא״ס ב״ה, דאס איז עפעס גאר אנדערש״.

„אז מ׳זינגט דעם ניגון מיט א התעוררות פנימי איז דאס א זמן המוכשר אויף תשובה און התקשרות, און אז מ׳זינגט דעם ניגון מיט טהרת הלב, נאך א ריכטיגען תרומת הדשן אין דער עבודה פון תיקון חצות, לאחר א אמת׳ער קריאת שמע שעל המטה און א טיף געהארעוועטען דאווענען, קאן מען אויסבעטען א ישועה פרטית אין בני חייא״.

„דעם ניגון האט דער רבי מייסד געווען אין א סדר פון עליות מלמטה למעלה, אט ווי דער סדר פון תפלה איז, ברוך שאמר, פסוקי דזמרה, ברכות ק״ש, קריאת שמע, שמונה עשרה, וואס דאס איז דאך דער סדר פון ארבע עולמות, אצילות, בריאה, יצירה, עשי׳ מלמטה למעלה״.

„בכלל איז, אז די אלע פיער פעהל פון דעם ניגון, איז יעדער פאהל פועל׳ט א פעולה פרטית, אי בדרך פנימי, אי בדרך מקיף״.

„דער ערשטער פאהל, פועל׳ט א העתקה און א העמקה״.

„דער אנהויב פון דעם ניגון מאכט א הזזה. ער גיט א ריר פון ארט, אז מ׳זאל ארויס פון דער חולין׳דיקער סביבה... און דער המשך פון דעם ערשטן פאהל פועל׳ט א העמקה, אז מ׳זאל זיך פאר־טראכטען אויף וואס באדארף מען איהם און וואס איז די כוונה פון זיין מציאות בעולם״.

„דער צווייטער פאהל פון דעם ניגון האט א שייכות צו דעם ערשטען פאהל אין דעם, וואס אין די התחלה פון דעם פאהל הערט זיך א מרירות טעם און באלד הויבט זיך אן דער המשך פון דעם פאהל מיט האפענונג און עלי׳ תנועות״.

„די מרירות תנועה און די האפענונג און עלי׳ תנועות, איז א פועל יוצא פון דער הזזה און העמקה וואס איז אין דעם ערשטען פאל...״

„דער דריטער פאל איז פועל א רוממות הנפש, הגם דער דריטער פאל קומט דאך נאך דעם צוויי־טען פאל און אין דעם פאל הערט זיך דער טעם המרירות בתוקף, מכל מקום איז אין דריטען פאל דער עיקר ההרגש, — רוממות און השתפכות הנפש.

„דער פערטער פאל פון דעם ניגון איז מכוון נגד עולם האצילות, וואס דאס איז די העכסטע מדריגה אין דעם שיעור קומה פון די ד׳ עולמות, עשי׳, יצירה, בריאה, אצילות״.

„דער פערטער פאל, הגם אין סדר והדרגה מל־מטה למעלה, קומט ער נאך דעם דריטען פאל, אבער באמת איז דער פערטער פאל מובדל בעצם מהותו פון דעם דריטען פאל״.

„די הבדלת ערך־המעלה פון דעם פערטען פאל אויף דעם דריטען פאל, זעהט מען דאס אין דער פעולה פרטית, וואס דער פערטער פאל איז פועל״.

„די פעולה פרטית פון דעם פערטען פאל איז די עליצות הנפש, דאס איז ניט דער ענין פון רוממות הנפש, נאר עליצות הנפש״ ...

„אין דעם ניגון איז דער רבי מבאר זיין שיטה אין חסידות און וויזט דעם דרך העבודה פון א חב״ד חסיד״.

„עס איז געווים, אז דעם ניגון האט דער רבי מחבר געווען נאך זייענדיג בא דעם מגיד אין מעז־ריטש און רוב דעם רבינ׳ס ניגונים זיינען פון יע־נער צייט, נאר דאס איז אויך געווים, אז דער שכלול פון אלע רבינ׳ס ניגונים בכלל און דעם ניגון פון די פיער פעהל בפרט, האט דער רבי משכלל געווען בעת ער איז געווארען א רבי״.

וככלותו לדבר נושא תוכן הניגון בכללותו, ציוה — כ״ק אאמו״ר הרה״ק — לנגן את הניגון במתינות, כל ג׳ הבבות הראשונות שתי פעמים ובבא הרביעית שלש פעמים, וינגנו את הניגון שלש פעמים בזה אחר זה, ובפעם השלישית יכפלו את הבבא הרביעית עשר פעמים בזה אחר זה, בכדי ער זאל נחקק ווערען אין אלע עשר כחות הנפש. — ראה שם בארוכה.

בעת שכ״ק אדמו״ר שליט״א מצוה לנגן את הניגון של הד׳ בבות, בעת התועדות ויומא דפגרא, מדגיש בכל פעם לנגנו במתינות גדולה וברציניות עמוקה והבבא הרביעית לחזור אותה ג׳ פעמים.

עוד ע״ד הניגון הזה ראה לעיל בלקוטי־רשימות אות ג, ח, יב, יד, יז, כח, לט, מג, צה, צח, ק.

## ניגון ב.

כאיל תערוג, — לכ״ק רבנו הגדול נ״ע.

החסיד המפורסם ר׳ שמואל גרונם עסטערמאן ז״ל, מי שהי׳ משפיע בישיבת תומכי תמימים בליו־באוויטש — סיפר שניגון הזה שמע מזקן מופלג א׳, שהי׳ בקבוצת המנגנים אצל אדמו״ר הזקן. הזקן הנ״ל סיפר לו, שבהיותו נער הי׳ סומא בעיניו והביאו אביו לאדמו״ר הזקן בליאזני לבקש ברכה ורפואה. כשהציע אביו בקשתו, פתח אדמו״ר הזקן את ספר הזהר וציוה להנער לקרות מתוכו. מתחלה לא ראה רק כמו אותיות מטושטשות, אמנם כשגער עליו האדמו״ר: „קרוא בקול רם״, נפקחו עיניו והתחיל לקרות כאחד האדם. אביו השאיר אותו

בליאזני, ולהיותו בעל כשרון בשירה וזמרה ספחו אדמו״ר לקבוצת המנגנים שלו. בעת ההיא שמע את ניגון־הדביקות „כאיל תערוג״ מאדמו״ר הזקן, שהי׳ מנגנו לפרקים קרובים, בדביקות גדולה. החסיד רשג״ע הנ״ל ביאר שייכות הפסוקים כאיל תערוג וגו׳, והיו לטטפת וגו׳ שבזמר הזה, באופן כך: כאיל תערוג הו״ע „רצוא״ הנפש ועלייתה לאלקות, ואח״כ והיו לטטפות, שזהו מצות תפלין, הו״ע „השוב״, היינו, המשכת אלקות למטה, כידוע אשר ענין תפלין שבראש הוא המשכת ד׳ מוחין, כדאי׳ בס׳ קבלה ומבואר בספרי חב״ד [5].

## ניגון ג.

א־לי אתה ואודך — לכ״ק רבנו הגדול נ״ע.

נוהגים בבית רבי, נשיאי חב״ד, אשר בעת שמחזירים היין להבקבוק מכוסו של אלי׳ בלילי הסדרים של חגה״פ, מנגנים ניגון זה, עם תיבות הפסוקים א־לי אתה ואודך, שמקובל מאדמו״ר הזקן [6]. ניגון זה הוא בבירור מהעשרת ניגונים.

## ניגון ד

צאינה וראינה — לכ״ק רבנו הגדול נ״ע.

ניגון־דביקות אשר רבנו הגדול הי׳ מנגנו [6]. לנגון זה יש עוד בבא אחת, שלא הי׳ ביכולתנו לבררה, לכן לא באה בספרנו.

קטע משיחת יום א׳ דחגה״ש תש״א.

בשנת תקל״ו [7] באו על חגה״ש קבוץ גדול של חסידים ולא הי׳ המקום מספיק ב„מנין״ התדיר, ובנו ביהכ״נ עראי — שאלאש — בחצר. הוד כ״ק אדמו״ר הזקן יצא מביתו לביהכ״נ שבחצר, ואמר בניגון כדרכו בקודש: צאינה וראינה, צאינה, אז מען געהט ארויס פון „איך״ פון אלע מדריגות איך, וראינה, דערזעהט מען אלקות [8].

## ניגון ה

קול דודי דופק — לכ״ק רבנו הגדול נ״ע.

קטע משיחות שמח״ת תרפ״ט.

אין דעם ניגון „קול דודי דופק״ איז דער רבי [*] מנקה — סקראבעט — א נשמה, ער נעמט אראפ א סירכא.

פון דער לעצטער תנועה איז קענטיג, אט אזוי ווי מען זאגט, זעסט אז איך בין גערעכט. הוד כ״ק אדמו״ר האמצעי האט געזאגט, אז דער טאטע — אדמו״ר הזקן — האט געקענט אריינקריכען בקרבו של החסיד און ארויסרייסען וואס טויג ניט, מיט חסידות אדער מיט א ניגון. און „דער״ ניגון — מאנט. ער — הכוונה על החסיד — זאגט, וואס האסטו צו מיר, זאגט מען אים אין דעם ניגון אזוי: דער ערשטער פאל — הוי׳ אלקים אמת הוא אלקים חיים, ואמת ה׳ לעולם. דער צווייטער פאל: למה ירדה הנשמה בגוף, דער ווייטערדיגער המשך, — ווייל נתאוה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים. דער דריטער פאל איז, וואס נשמות זאגען, אז די כונה פירט זיך אויס נאר דורך אונז, דער ווייטערדיגער המשך איז, דער הרגש המקבל אין דער המשכה.

כ״ק אדמו״ר שליט״א ציוה לנגן ניגון זה כמה פעמים ובכל פעם ביאר הכוונה של הניגון ע״ד הנ״ל, רק בתיבות שונות, וציוה לתפוס הניגון היטב עם הענין הפנימי שבו, ולנגנו בזמני התועדות אנ״ש ויפעול הרבה. ניגון זה הוא בבירור מהעשרת ניגונים.

## ניגון ו

אבינו מלכנו — לכ״ק רבנו הגדול נ״ע

ניגון זה הוא בבירור מהעשרת ניגונים.

## ניגון ז

לכה דודי — לכ״ק רבנו הגדול נ״ע.

כ״ק אדמו״ר הרש״ב נ״ע הי׳ דרכו לשורר ניגון־דבקות זה עם התיבות של פסוק ראשון של ק״ש בתפלות ימי החול. — ולפעמים גם בש״ק כשהי׳ מתפלל יחד עם המנין (עפ״י רוב בהיותו בימות הקיץ על נאות דשא).

## ניגון ח

ניגון דבקות חב״ד לתפלות שבת
לכ״ק רבנו הגדול נ״ע.

בניגון־דבקות הלזה התפלל — ביחידות, בדביקות והתלהבות עצומה עפ״י דרך החב״ד — כ״ק אדמו״ר הרש״ב נ״ע בכל שבת קודש וגם כ״ק אדמו״ר שליט״א מתפלל בו ובטח התפללו בתנועות ניגון הזה גם נשיאי חב״ד הקודמים עד כ״ק אדמו״ר הזקן נ״ע.

קטע משיחת פורים תש״ג.

ציוה „לנגן״ את הניגון דביקות שאביו אדמו״ר

---

5) הספור הזה נמסר לידינו ע״י הר׳ יוחנן גורדון שו״ב מדוקשיץ, ששמעו מפי הרה״ח ר׳ שמואל גרונם ז״ל בליובאוויטש.

6) ראה ספר השיחות קיץ ה׳ ת״ש ע׳ 51—52.

7) שנת תקל״ו היתה בתחלת שנות נשיאותו של אדמו״ר הזקן ואמר אז מאמרים קצרים בהתלהבות עזה ובקול ניגון בעגועים. וראה לקוטי רשימות אות ה.

8) ראה לקו״ת שה״ש דרוש צאינה וראינה.

הרש״ב הי׳ מתפלל בו ואמר: אַז מ׳דאַוועגט באַריכות און מ׳טוט אין עבודה קומט דער ניגון בדרך ממילא.

## ניגון ט

ניגון דבקות חב״ד לתפלות ראש השנה
לכ״ק רבנו הגדול נ״ע.

ניגון־דבקות הזה מקובל בבירור שהוא מעשרת הניגונים של אדמו״ר הזקן שהי׳ מנגנו בדביקות והתלהבות — וכן כל נשיאי החב״ד בכל דור ודור נוהגים — בתוך התפלות של ר״ה ויו״כ, וביותר בתפלת ערבית של ליל א׳ דר״ת[9] ולפני תק״ש בב׳ ימים דר״ה.

קטע משיחות ליל ב׳ דר״ה תש״א.

פון מיינע קינדער יאָהרען געדענק איך די הנהגות — מהוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק — פון די עבודה אין תפלת ערבית דר״ה באריכות גדולה, מיט דעם תשוקה און בטחון ניגון פון דעם אַלטען רבי׳ן מיט אַ האַרצרייסענדען קול...

קטע משיחות ליל א׳ דר״ה תש״ב.

בשנת תר״ח בליל א׳ דר״ה בסעודה סיפר אדמו״ר הצמח צדק, שבליל א׳ דר״ה תקנ״ט סיפר זקנו הוד כ״ק אדמו״ר הזקן בשם מורו הרב המגיד ממעזריטש נ״ע, אשר מורנו הבעש״ט אמר פעם אחד בליל ב׳ דר״ה אל תלמידיו, בזה״ל:

דער טאַטע — אבינו שבשמים — וויל הערען מעלות פון זיינע קינדער. ויספר ר׳ קהת, — תלמידו המובהק, שהי׳ ג״כ חבר להצדיקים הנסתרים, — עובדא שקרה לו, שבהלכו פ״א בדרך שמע שיחתם של שני „בעלי עגלות״. האחד אמר לחבירו: בתהלים כתוב, אל תהיו כסוס כפרד אין הבין במתג וגו׳, אַ פערד מיינט, אַז מען גיט איהם דעם מתג אין מויל, בכדי ער זאָל ניט פאַרגעסען די מלאכה פון קייען, אָבער דו זאָלסט ניט זיין אַזוי, און יע הבין זיין, יע פאַרשטיין.

